יודען, געדענקט, אז דער קאמף געגן די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד דויערט!

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT

היינט 10 זייטען

פרייז 15 גראשען

נייער פאלקסבלאט

№ 181	Łódź, Poniedziałek, 5 sierpnia 1935 r.	דרייצענטער יאהרגאנג	לאדז, מאנטאג, ו' מנחם אב תרצ"ה	№ 181

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — דרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

רוזוועלט זאגט דעם דייטשען אמבאסאדאר
אז היטלער וואלט גוט געטוהן ווען ער זאל זיך פערטראכטען וועגען דעם וואס ער טוט

ניו־יארק, 4 (ספ. טעל.)
נעכטען אוונט איז אין ניו־יארק פארגעקומען א גרויסע יודישע מאסען - פערזאמלונג מיט א גרויסער רעדע איז אויפגעטרעטען דער יודישער קאנגרעסמאן צעלער פון ניו־יארק.

— איך האב נאר וואס בעזוכט דעם פרעזידענט רוזוועלט, האט ער געזאגט, און איך בין גליקליך אייך איבערצוגעבען, אז דער פרעזידענט קוקט מיט סימפאטיע אויף אזעלכע פערזאמלונגען ווי די היינטיגע. איך קען נאך צוגעבען, אז ער איז מסכים מיט'ן צוועק פון אונזער פערזאמלונג און מיט'ן אופן פון אונזערע פראטעסטען".

צעלער האט ווייטער דערצעהלט, אז דער פרע־זידענט רוזוועלט האט לעצטענס גערופען צו זיך דעם דייטשען אמבאסאדאר ד"ר לוטער און האט איהם געזאגט, „אז דער קאנצלער היטלער וואלט גוט געטון, ווען ער זאל זיך בעקלערען וועגען דעם וואס ער טוט".

דעפוטאט צעלער האט גערופען באיקאטירען דייטשע סחורה און האט געפאדערט, אז אמעריקא זאל זיך נישט בעטייליגען אין דער וועלט־אלימ־פיאדע, וועלכע קומט פאר אין בערלין, אין 1936.

גענעראל מאקענזען טרעט ארויס פון שטאלהעלם

בערלין, 4 (ספ. טעל.)
גענ. פעלדמארשאל מאקענזען האט צוגעשיקט א בריף צום שטאלהעלם, אז ער טרעט ארויס פון דער דאזיגער ארגאניזאציע, אין וועלכער ער איז גע־ווען א מיטגליד זייט איהר עקזיסטענץ. מאקענזען האט צוגעשיקט א בריף צום שטאלהעלם, אין וועל־כען ער ערקלערט, אז אין אינטערעס פון דער נא־ציאנאלער איינהייט, וואס איז פערווירקליכט גע־ווארען דורך היטלער'ן, האט קיין שום בעזונדערע ארגאניזאציע נישט מעהר קיין עקזיסטענץ - בערעכ־טיגונג.

דייטשע פרעסע וועגען פויליש־דאנציגער קאנפליקט

בערלין, 4 (ספ. טעל.)
די גאנצע דייטשע פרעסע פערנעהמט זיך איצט מיט דעם פויליש - דאנציגער קאנפליקט. אין אלגע־מיין איז דער טאן בנוגע פוילען א זעהר איינגעהאל־טענער, הגם ס'פיהלען זיך ארויס די עמפעהלונגען פאר דאנציג ווייטער צו געהן אויף דעמזעלבען וועג.

2 גרובען־קאטאסטראפעס אין פוילען

כאזשאוו, 4 (ספ. טעל.)
אין צוזאמענהאנג מיט דער קאטאסטראפע, וועלכע איז נעכטען פארגעקומען אין דעם גרובען פאלווא אין שוויענטאכאוויטש, זענען 2 ארבייטער געשטארבען אין שפיטאל.

פון דעם גרובען „לער" וואו ס'איז אויך פאר־געקומען א קאטאסטראפע, האט מען ארויסגע־נומען צוויי טויטע קערפערס. נאך 2 ארבייטער ליגען פערשיט.

גרויסע פייערליכקייטען אין בולגאריען לכבוד א פוילישען קעניג

סאפיא, 4 (ספ. טעל)
אין דער אנוועזענהייט פון בולגארישען קעניג באריס און דעם פוילישען בילדונגס־מיניסטער יענ־דזשעיעוויטש, זענען היינט אין ווארנא פארגעקומען גרויסע פייערליכקייטען לכבוד דעם פוילישען קעניג וולאדיסלאוו דער דריטער, וועלכער איז אומגעקומען נעבען ווארנא אין א מלחמה מיט'ן טערקישען מיליטער אין יאהר 1444.

געשטארבען א קרבן פון נאצי־פאגראם
וועלכער איז פארגעקומען אין קורפירסטענדאם

בערלין, 4 (יט"א טעלעגראפיש)
ד"ר קליינפעלד, וועלכער איז דעם 16־טען יולי פערוואונדעט געווארען בעת'ן פאגראם אויף קור־פירסטענדאם אין בערלין איז היינט פון די וואונדען געשטארבען.

בראזיליען שטעלט אפ די צאהלונגען
פון די אויסלענדישע חובות

ריא־דע־זשאנעירא, 4 (ספ. טעל.)
די פרעסע מעלדעט, אז די בראזילישע רעגי־רונג האט בדעה צייטווייליג אפצושטעלען דאס צא־לען פון אויסלענדישע רחבות און בעגרעניצען דעם אימפארט פון סחורות.

אטא שטראסער איז אטען

אטען, 4 (ספ. טעל.)
דער דייטשער עמיגראנט אטא שטראסער וועט אריינגעלאזען ווערען קיין אטען, לויט דער פעראָרד־נונג פון אינערן־מיניסטער, אהן דאקומענטען.

מוסאליני'ס מלחמה־רעדע
נאך דער שלום־רעזאלוציע פון פעלקער־בונד

רוים, 4 (ספ. טעל.)
די אפיציעלע „סטעפאני אגענטור" פערעפענט־ליכט די רעדע, וועלכע מוסאליני האט געהאלטען אין עקאלו צו 4 באטאליאנען פאשיסטישע מיליץ, וועלכע פאהרען ארויס קיין אפריקא.

מוסאליני האט צווישען אנדערען געזאגט: די, וועלכע וועלען אונז אפהאלטען מיט רייד אדער שריפט, וועלען מיר ענטפערן מיט העלדישע מעשים פון אונזערע ערשטע אפטיילונגען, וועלכע וועלען געהען אין קאמף. מיר וועלען געהן געגען אלע, נישט קוקענדיג, וואס פאר א הויט־פארב ס'וועט האבען דער, וועלכער וועט האבען די חוצפה אונז צו פער־שטעלען דעם וועג.

גרויסע רעדע פון פוילישען דעלעגאט
אויפ'ן קאנגרעס פון קאמינטערן

מאסקווא, 4 (ספ. טעל.)
אויפ'ן קאנגרעס פון „קאמינטערן" האט אין נאמען פון דער פוילישער קאמוניסטישער פארטיי גערעדט ביעלצעווסקי, ער האט זיך בעקלאגט, אז די פוילישע מאכט האט ליקווידירט א גרויסע צאהל אונלעגאלע ארגאניזאציעס. דער רעדנער האט זיך ארויסגעזאגט, אז די קאמוניסטען זאלען אויס־נוצען די לעגאלע ארגאניזאציעס צו פראפאגאנדע און פארטיי־ארבייט.

נייע ווירטשאפטליכע דעקרעטען אין פראנקרייך
קאמף מיט יקרות און עפענטליכע ארבייטען

פאריז, 4 (ספ. טעל.)
אויף דער נאענטסטער זיצונג פון מיניסטארען־ראט וועלען בעטראכט ווערען א רייה נייע דעקרע־טען. דער טערמין פון דער זיצונג איז נאך נישט פעסטגעשטעלט געווארען ווייל מען ווארט אויף לא־וואל'ס צוריקקומען פון געגף.

פון 20 דעקרעטען וועלען זיין די וויכטיגסטע די וועגען בעקעמפען דעם יקרות און פראיעקטען וועגען אויפלעבען די נאציאנאלע ווירטשאפט.

דער ארבייטס־מיניסטער זאל אויף דער דאזיגער זיצונג ארויסטרעטען מיט א ברייטען פראגראם פאר עפענטליכע ארבייטען גלייכצייטיג ווערען פראיעק־טירט נייע בעגרעניצונגען פאר אויסלענדישע ארביי־טער.

סאוויעטען לעגען פאר הילף כינא
אין קאמף מיט יאפאן

פאריז, 4 (ספ. טעל.)
„מאטען" טיילט מיט, אז לויט יאפאנישע ידי־עות האבען די סאוויעטען געזאלט פארלעגען דעם אנפיהרער פון דער כינעזישער ארמעע צו שליסען א בונד. דער סאוויעטישער אמבאסאדאר האט גע־זאלט ערקלערען, אז דער סאוויעטען - פערבאנד איז נוטה צו געבען בינע מיליטערישע הילף אויב די יא־פאנישע אגרעסיווקייט וועט ווייטער אנהאלטען.

עקספארט־מעגליכקייטען קיין ארץ־ישראל און אין די לענדער פון נאהענטען מזרח

ווארשא (יט"א) דיפויליש - א"י־דיגע האנ־דעלס־קאמער מאכט אויפמערקזאם די עקספארטע־רען, אז לעצטענס זענען איינגעפלאסען אין דער קא־מער אפערטען אויף דער צושטעלונג פון פאלגענדע ארטיקלען:

פון ארץ־ישראל:

1) פלייש־קאנסערווען, ווארשט, 2) מילך־פרא־דוקטען, 3) פלעשער פון ווייסען גלאז (20 פלעשער אויף א פאס), 4) פלעשער פון האלב־ווייסען גלאז צו עסיג־עסענץ (אויף 20, 35, 50, 65, 75, 100, 120, 150, 200, 500 גראם), 5 בוי־מאטעריאלען.

פון ציפערן:

1) עמאל־אויסארבייטונגען, 2) וואננעס, גענא־סענע, עמאלענע און פארצעלאן־וואננעס, 3) ווארים קעסלען צו וואננעס, 4) טעלער, אנדערע געשיר, 5) מעסער־אויסארבייטונגען, 6) זייד־אויסארבייטונגען, 7) מענער־ און דאמען־שקארפעטען, 3) וועש א.ד.גל.

נעהנטערע אינפארמאציעס וועגען די אפערטען ערטיילט דער האנדעלס - רעפערענט פון דער קא־מער, ווארשא פרעדרי 10, צוו. 10 פריה און 2 נאכמ

4 יודישע מיטגלידער אין האלענדישען סענאט

אמסטערדאם (יט"א) אין די וואהלען צום האלענדישען סענאט, וואס א העלפט פון זיינע מיט־גלידער טרעט אין קורצען אדוים, זענען ווידער גע־וועהלט געווארען די יודישע סענאטארען ס. וואן דען בערגה און ד"ר העגרי פאלאק. חוץ זיי איז ניי גע־וועהלט געווארען דער סאציאליסט ס. דע לא בעלא. אין איצטיגען מאמענט געפינען זיך אין סענאט פיר יודען אלס מיטגלידער פון פערשידענע פראקציעס. צווישען די סענאטארען פון דער צווייטער סענאט העלפט, וועלכע איז דאס מאל נישט געשטאנען צו ניי־וואהלען, געפינט זיך דער בעקאנטער אדוואקאט מאנדעלס פון אמסטערדאם

יוליוס שטרייכער לייטער פון דער „יודען־בעקעמפונג"
ער ווערט בעשטימט אלס פיהרער פון דעם דאזיגען דעפארטאמענט

פראג, 4 (יט"א טעלעגראפיש)
„פראגער טאגעבלאט" טיילט מיט, אז אויף דער לעצטער קאנפערענץ פון די נאציס אין מינכען איז מיטגעטיילט געווארען, אז יוליוס שטרייכער וועט בעשטימט ווערען אלס רייכס־פיהרער פון דע־פארטאמענט פאר יודען־בעקעמפונג. שטרייכער האט אויף דעם פאסטען די אונטערשטיצונג פון „ברוי־נעם הויז". געגען דער דאזיגער שטרייכער'ס בע־שטימונג זענען דער אויסערן־מיניסטער נויראט און דער דירעקטאר פון דער רייכס־באנק ד"ר שאכט.

פוילישע יודען פון דער גאנצער וועלט שאפען א פערבאנד, כדי צו העלפען זייערע ברידער אין פוילען

לאנדאן, 4 (יט"א טעלעגראפיש)

דעם 7־טען סעפטעמבער קומט פאר אין לאנדאן א קאנפערענץ פון פוילישע יודען פון פערשידענע לענדער. ס'איז שוין זיכער, אז צו דער קאנפערענץ וועלען קומען דעלעגאציעס, וואס וועלען בעשטעהען פון פוילישע יודען, וועלכע וואוינען אין אמעריקא, קאנאדע, ארגענטינע,, בראזיליען, ענגלאנד און ארץ־ישראל.

דער ציל פון דער קאנפערענץ איז צו שאפען א פערבאנד פון אלע קיבוצים, וואו ס'וואוינען פוילישע יודען, כדי אנצוהויבען א גרויסע הילפס־אקציע פאר די יודען אין פוילען.

פאר דער וועלט־בעראטונג פון דער „תורה ועבודה"־בעוועגונג איז קראקא

קראקא (יט"א) אין צוזאמענהאנג מיט דער פארשטעהענדער וועלט ־ בעראטונג פון דער „מו־עצה־הראשית" פון „תורה ועבודה", וועלכע וועט פארקומען דעם קומענדען פרייטאג דעם 9־טען אוי־גוסט אין קראקא, איז די טעג פארגעקומען אין קרא־קא א בעראטונג פון פארשטעהער פון די צענטרא־לעס פון דער „תורה־ועבודה"־בעוועגונג אין פוילען. מצד דער ווארשעווער צענטראלע זענען אנוועזענד געווען הרב א. נייפעלד, לוי יונגסטער, משה רייד (לעמבערג) הרב נפתלי האלפערין, זאב בלימינגער און צבי סטעמפעל (קראקא).

די בעראטונגען זענען געווען שטרענג פער־טרויליכע.

4־טער וועלט־צוזאמענפאהר פון „השומר הצעיר"

ווארשא (יט"א) דעם 10־טען אויגוסט 1935 וועט געעפענט ווערען דער 4־טער וועלט־צוזאמענ־פאהר פון דער יודישער סקויטען ־ ארגאניזאציע „השומר הצעיר". דער צוזאמענפאהר וועט פארקו־מען אין פאפראד (טשעכישע טאטרא־בערג).

דער צוזאמענפאהר וועט זיך פערנעהמען מיט די פראגען פון חלוצישער ערציהונג פון דער יודישער יוגענד און מיט די אקטועלסטע אויפגאבען פון דער ציוניסטישער טעטיגקייט.

נאך דער ערעפנונג און פייערליכער רעפילאדע זענען פארגעזעהן א רייה בעריכטען און רעפערא־טען ווי „די שומרים בעוועגונג אין דער צוקונפט" (מ. יערי), „די אקטועלע ציוניסטישע טעטיגקייט" (י. חזן), דער „השומר הצעיר" אין דער ארץ ישראל־דיגער ארבייטער ־ בעוועגונג (י. ריסטין), „די שטע־לונג אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען אין גלות", „די וועגען פון דער שומרישער ערציהונג". א. אנד.

חוץ דעם ווערען צוגעגרייט א רייה ספארט־אימ־פרעזעס און סקויטען ־ איבונגען און צום סוף אויס־פלוגען פון די אפטיילונגען אין די ארומיגע בערג.

נישט־ציוניסטישע פארשטעהער איז ראט פון דער יודישער אגענץ

פאריז, (יט"א) אלס פערטרעטער פון די פראנ־צויזישע יודען, אין דער נישט־ציוניסטישער העלפט פון דער יודישער אגענץ, וועלכע וועט אפהאלטען איהר סעסיע תיכף נאך'ן 19־טען ציוניסטישען קאנגרעס זענען געוועהלט געווארען: לעאן בלום (ליגע פאר'ן ארבייטענדען א"י), ראבערט פאלאק (קרן־היסוד אין פראנקרייך) און ישראל יעפראיקין (פערבאנד פון יודישע געזעלשאפטען אין פראנק־רייך).

בעלגראד (יט"א) דער אויספיהר־קאמיטעט פון יודישען קהלות־פערבאנד אין יוגאסלאוויען האט אויף זיין לעצטער זיצונג געוועהלט דעם בעקאנטען גרויס ־ אינדוסטריעלער פון זאגרעב, מילאן מא־ריטש. אלס פערטרעטער פון די יוגאסלאווישע יודען אין דער נישט־ציוניסטישער העלפט פון דער יו־דישער אגענץ.

יודישע דעלעגאציעס
ביי די פרעמיערן פון בולגאריען און יוגאסלאוויע

סאפיא, (יט"א) דער פרעמיער אדריי טאשעוו האט אויפגענומען א דעלעגאציע פון יודישען צענטראל־קאנסיסטאריום אין בולגאריען, וועלכע האט געבעטען איינצוהאלטען דעם סטאטוס־קווא פון דער יודישער נאציאנאלער אויטאנאמיע אין בולגאריען, ווי אויך נישט אפצושאפען אין דער יודישער קהלה און איהרע ארגאניזאציעס דעם פרינציפ פון דעמאקראטישע וואהלען.

דער פרעמיער האט אנערקענט די ריכטיגקייט פון דער יודישער פאדערונג און צוגעזאגט, אז די רעגירונג וועט זי נעמען אין אכט. דער מיניס־טער האט ערקלערט צוו. אנד.: „מיין רעגירונג האט א זעהר גינסטיגע בעציהונג צו דער יודישער גע־מיינשאפט. סוף־כל־סוף זענען מיר דאך אלע גלי־דער פון איין גרויסער משפחה".

וואס שייך דער לעגאליזאציע פון די ארגאני־זאציעס, וואס האבען פאר זייער אויפלעזונג גע־האט געפיהרט אנ'אנטיסעמיטישע טעטיגקייט, האט דער פרעמיער פערזיכערט דער יודישער דעלעגאציע אז די רעגירונג וועט נישט דערלויבען צו פיהרען קיין שום אנטיסעמיטישע טעטיגקייט, וועלכע איז, אפגעזעהען פון וואויל פון דער יודישער בעפעל־קערונג, עליל צו שאדען די אינטערעסען פון בול־גאריען.

בעלגראד, (יט"א) דער נייער יוגאסלא־ווישער פרעמיער ד"ר מילאן סטאיאדינאוויטש, וועלכער איז אויך גלייכצייטיג אויסערן־מיניסטער, האט אויפגענומען א דעלעגאציע אין די פערזאנען פון הרב הכולל ד"ר יצחק אלקאליי, און דעם פרעזעס פון דער ספרדישער קהלה אין בעלגראד ד"ר בו־קיטש פיאדע. די דעלעגאציע האט פארגעשטעלט די לאגע פון דער יודישער בעפעלקערונג אין יוגא־סלאוויען און די אונגינסטיגע שטימונגען געגען יו־דען, וואס ווערען פערשפרייט דורך מאנכע קרייזען. דער פרעמיער האט פערזיכערט דער דעלעגאציע, אז ער טיילט די גערעכטע אנשויאונגען פון די יוגאסלאווישע יודען און אז ער וועט אננעמען אלע שריט, אזג די בערעכטיגטע וואונשען פון דער יודישער בעפעלקערונג זאלען אויסגעפיהרט ווערען.

אנ'אהל אויפ'ן קבר פון חפץ־חיים

ווילנא, (יט"א) אין הסכם מיט'ן בעשלוס פון די רבנים, וואס האבען זיך פערזאמעלט צו דער ערשטער יאהרצייט נאך דער פטירה פון חפץ־חיים, איז די טעג פארגעקומען דאס לעגען דעם גרונדשטיין אונטער אנ'אוהל אויפ'ן חפץ־חיים'ס קבר. עס איז געשאפען געווארען א קאמיטעט, וואס זארגט פאר דעם מעגליך־שנעלסטער אויספיהרונג פון דער ארבייט און די מיטלען דערצו. די פערזאנען, וואס ווילען זיך בעטייליגען אין דער ארבייט, דארפען זיך ווענדען צום עלטסטען זוהן פון חפץ־חיים הרב ל. פופקא פון ראדון (ווילנער קרייז).

צוגרייטונג צום נ.צ.א.־קאנגרעס

פאריז (יט"א) דער עקזעקוטיוו־קאמיטעט פון דער רעוויזיאניסטישער אוניאן טיילט מיט, אז צום גרינדונגס־קאנגרעס פון נ.צ.א. וועלען אין אמעריקע און אנדערע לענדער קאנדידירען די אמעריקאנער ציוניסטען יעקב דע האז און ראבינער לואיס ניומאן. אין צוזאמענהאנג מיט דער וואהל־אקציע וועלען אין אמעריקאנער ראדיא בעהאלטען ווערען אייניגע פראפאגאנדע־רעדעס.

אין ליטע וועלען צו די וואהלען ארויסגע־שטעלט ווערען עטליכע ליסטעס.

אין סאפיא איז פארגעקומען אונטער דער לאזונג פון „טאג פון יודען־שטאט" א גאסען־מאניפעסטאציע, אין וועלכער עס האבען זיך בעטייליגט איבער 500 מאן פון צה"ר, בית"ר און ברית־החייל.

גרויסע אראבישע קאנפערענץ
זיך אפגעגעצושטעלען די יודישע באדען־קניות אין א"י

ירושלים, 4 (יט"א טעלעגראפיש)

אין „בית ליברון", נעבען חברון, איז פאר־געקומען אנ'אראבישע קאנפערענץ. ס'האבען אנ־טיילגענומען עטליכע הונדערט דעלעגאטען. דער הויפט־צוועק פון דער קאנפערענץ איז געווען אנ־צוהויבען אנ'אקציע געגען די יודישע באדען־קניות אין ארץ־ישראל.

יודען איז טערקיי
ווערען געצוואונגען צו „טערקיזירען" זייערע פאמיליען־נעמען

קאנסטאנטינאפאל (יט"א) אין די יודישע פארשטעט פון סטאמבול זענען געשאפען געווארען ־ ספעציעלע קאמיסיעס, וועלכע האבען, לויט'ן אויפטראג פון דער רעגירונג, די אויפגאבע צו פיהרען צווישען דער יודישער בעפעלקערונג א פראפאגאנדע־אקציע וועגען ענדערן וואס שנע־לער די יודישע פאמיליען־נעמען (ספרדישע, העב־רעאישע א. אנד.) אויף נעמען מיט א טערקישען קלאנג.

די טערקישע פרעסע טיילט מיט, אז די פריוויליגע טערקיזירונג פון פרעמד־קלינגענדע נעמען וועט דערלאזען ווערען בלויז ביז יאנואר 1936. די אלע, וואס וועלען ביז דעם טערמין נישט האבען געענדערט זייערע נעמען, וועלען בעקומען טערקישע פאמיליען־נעמען פון דעם ספעציעלען רעגירונגס־אמט.

צווישען די טערקישע יודען געפינען זיך הונדערטער פאמיליען־נעמען פון ריין־העבראאישען קלאנג, ווי לוי, כהן, פרחיה א. אנד.

סאוויעטיש מיליטער געהט נישט קיין מאנגאליען

ממאסקווא, 4 (ספ. טעל.)

עס ווערט אפיציעל אפגעלייקענט די ידיעה, אז דאס סאוויעטישע מיליטער געהט אין דער ריכ־טונג פון מאנגאליען.

קאנגרעס־וואהלען איז אונגארן

בוקארעשט (יט"א) אין די וואהלען צום 19־טען ציוניסטישען קאנגרעס זענען אין אונגארן דורכגעגאנגען איין אלגעמיינער ציוניסט, איין מז רחי־פארשטעהער און איין דעלעגאט פון דער אר־בייטער־ליסטע.

רעפרעזענטאנץ־טעאטער „ראזמאיטאשטשי"
ציגעל־גאס 27, טעל. 112־25.
דירעקציע: דוד צעלמייסטער.

רעצטער געזעגנונגס־גאסטשפיל
פאר'ן אפפאהרען נאך אמעריקא פון בעריהמטען קינסטלער
לודוויק זאץ
היינט, מאנטאג, 9.15 אווגסט
געזעגענט זיך לאדזש מיט'ן געניאלען קינסטלער!
לודוויק זאץ דעפילירט איז 3 גרויסע קונסטראלען:
1) דער גזלן — אין שליסמולדיג שניידערל שלום פסח. --
2) דער יידישער קעניג — אין אמעריקאנער דענדי בעניצלע.
3) ארץ פאר קינדער — אין יאנקעלע דער שוסטער.
צום שלוס
גרויסער געזעגנונגס־קאנצערט
לודוויס זאץ אין א קראנץ לידער פון זיין גרויסען רעפערטואר.
עס איז ראטזאם זיך פריהער צו בעזארגען מיט בילעטען כדי אויסצומיידען א געדראנג ביי דער קאסע.
אנהויב פינקטליך 9.15 אווגט

Dr.
Wajnberg
ספעציאליסט פאר לונגען, הארץ
און סקלעראז־קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
וואוינט יעצט פיעטריקאווער 145
טעל. 126־02.
נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—5, 8—9 אוו.

אויערן, נאז און האלז קליניק
מיט בעטען פון Dr.
Z. Rakowski
פיעטריקאווער 67. טעל. 127־81
נעהמט אן שטענדיגע קראנקע (צודע־אפעראציע א. ז. וו., ווי אויך אמבולא־טארישע פון 9—2 און פון 4—8 אוונט

פאר גארד ביזשוטעריע
און לאמבארד־קוויטען
צאהלט די העכסטע פרייזען
איזידאר פיאלקא
פיעטריקאווער 7.

Dr. med.
SZYMON GRINBERG
פילסודסקיעגא 55
טעל. 168־58
נעהמט נישט אן אין לאדז אין דערציים פון זומער־פעריען.
דער טעלעפאן אין ווישניאווע־גורע איז נומער 26.

Dr. med. M. TAUBENHAUS
ספעציאליסט
פאר אקושעריע און פרויען־קראנקהייטען
פערהיטונג געגען שוואנגערשאפט
זגערזשער 11. טעל. 246־09
נעמט אן פון 4—8 אווענד.

Z intencji zaręczyn przyjaciół moich
p. Mani Almanówny
z p. Mońkiem Waldmanem
życzy wiele szczęścia i różowej przyszłości
Henryk Mordchajewicz

וויכטיג פאר לעבענס־פערזיכערונגס־פאליסען!
זעמטליכע לעבענס־פערזיכע־רונגס־פאליסען, וואס זענען א גע־וויסע צייט נישט געצאהלט געווארען און זאגאר אנולירטע קענען ווערען דורך מיר אויפסניי בעלייט און ווייטער גילטיג, אזוי, אז דאס איינגעצאהלטע געלד זאל נישט פערלוירען ווערען. ווענדען זיך לאדז, פיעטריקאווער 145, וו. 5 צו ש. זילבערבערג אויס ווארשא, טעל. 203־94. אגענטען ווערען געזוכט, מינדליך פון 3 ביז 5 נ.מ.

Dr. med.
H. RÓZANER
ספעציאליסט פאר הויט, ווענערישע און סעקסועלע קראנק.
Narutowicza 9
tel. 128-98
נעמט אן פון 9—1 פארמ. און פון 5—9.

בעקאנטמאכונג!
נעהרטע קאנסומענטען!
דער געוועזענער כשר'ער
באר „מאנגריא"
2 לעניאגוב 2
איבערגענאנגען אונטער דער לייטונג פון בע־וואוסטען פאכמאן לעאן אפאטאווסקי און עמפעהלט פרישע געשמאקע מיטאגען פון 1 זל. און ווי אויך פריהשטיקען און אווענדברויט'ן.

בעקאנטמאכונג.
דערמיט מאך איך בעקאנט, אז מיין סאדע־וואסער־פאבריק איז איבערגעטראגען געווארען
אויף פילסודסקיעגא 69
יעדע בעשטעלונג ווערט פינקטליך ערלעדיגט.
ספעצ. קליינע בוטלאנעז וואסער מיט אייז אויף שבת
טעלעפאן 190־48. מיט אכטונג פרידוואלד

Dr. med.
Haltrecht
ספעציאל־ארצט פאר הויט־און געשלעכטס־קראנקהייטען
פיעטריקאווער 10, טעל. 245־21
צוריקגעקעהרט
נעמט אן ביז 8 פריה, פון 12 ביז 2 מיטאג און פון 5—9 אוו. זונטאג פון 10—1 בייטאג.
אלע ארט אנאליזען.
זער אנגעמיטעלטע לעטשניצע־פרייזן פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע־זאל.

דזשעמס מאקדאנאלד אין זשענעווע

ווער וועט שטעהן בראש פון דעם נייעם פליטים-אמט ביים פעלקער-בונד?

זשענעווע (יט"א) דא האט קורץ געווײלט דער הויך-קאמיסאר פון פעלקער-בונד פאר די ענינים פון דייטשע פליטים דזשעמס מאקדאנאלד, וועלכער האט שוין פערלאזען זשענעווע און וועט זיך דא אום קעהרען אין די ערשטע טעג פון סעפטעמבער, כדי ביהצוואוינען די דעבאטען פון דער פעלקער-בונד-פערזאמלונג איבער דעם פארשלאג פון דער נאָרוועגישער רעגירונג וועגען דער שאפונג פון א צענטראַלער אינסטיטוציע פון פעלקער-בונד פארן שוץ פון אלע פליטים - קאטעגאריעס.

זשענעווע (יט"א) אין צוזאמענהאנג מיט דעם נארוועגישען פארשלאג וועגען שאפען אונטער די אויספיציען פון פעלקער-בונד א פליטים-הילף - אינסטיטוציע, דערוויסט זיך דער זשענעווער יט"א-פארשטעהער, אז בראש פון דער נייער אינסטיטוציע וועט ווארשיינליך שטעהן פראפ. האנסען פון נאר - וועגיען, וועלכער איז איצט פארזיצער פון אינטער-נאציאנאלען גערוכטס-טריבונאל אין קאירא. עס ווערט אויך דערמאנט די קאנדידאטור פון בעקאנטען זשענעווער אדוואקאט אדריען לאשענאל.

שווערע אויטא-קאטאסטראפע אין אמעריקא

קאמדען (אמעריקא) 4 (ספ. טעל.)

ביים אריבערפאהרען די באהן-ליניע איז א אויטא, אין וועלכען ס'זענען געפאהרען 20 פאר-מערס ארויפגעפאהרען אויף א צוג און איז איינגא-צען צושמעטערט געווארען. דערווייל האט מען פון אונטער די חורבות ארויסגענומען 5 טויטע די איבעריגע 7 טויטע האט מען נאך נישט געפונען.

געפונען אין רוסלאנד א גאלד-בריל

פון 2 קילא מיט 100 גראם

מאסקווא, 4 (ספ. טעל.)

אין גאלד-גרובען „גיעזאמיעטני" אין אלדא-נישען ראיאן האט מען געפונען א ברילע גאלד, וועלכע וועגט 2 קילא מיט 10 גראם. דאס איז שוין די פינפטע גאלד-ברילע, וואס מען געפינט אין יענעם ראיאן אין פערלויף פון היינטיגען יאהר.

די „ברית עברית עולמית"

צום 19-טען ציוניסטישען קאנגרעס

ווארשא (יט"א) די לאנדאנער וועלט-צענט-ראלע פון דער „ברית עברית עולמית" האט ארויס-געגעבען פאלגענדע ערקלערונג צום פארשטעהענדען 19-טען ציוניסטישען קאנגרעס:

די גרינדונג פון „אלוועלטליכען העבראישען פערבאנד" אויף דער בערלינער קאנפערענץ אין 1931 איז אויפגענומען מיט צופרידענהייט דורך דעם 17-טען ציוניסטישען קאנגרעס, וועלכער האט בעגריסענדיג די גרינדונג פון „ברית עברית עול-מית", צוו. אנד. אויפגעפאדערט די ציוניסטישע ארגאניזאציעס מיטצוהעלפען זיין ארגאניזירונג, בע-שטימט א בעזונדערן חודש אין יאהר פאר קולטור-פראפאגאנדע און ספעציעלע זאמלונגען לטובת די קולטור- און דערציהונגס-אנשטאלטען, ווי אויך בעגריסט דעם געדאנק פון צונויפרופען א העבראי-שען וועלט-קאנגרעס.

צוליב פערשידענע סיבות האט די „ברית עברית עולמית", נישט געקענט פערווירקליכען דאס פראָ-גראם, וואס איז אנגעצייכענט געווארען אין בערלין אין 1931. די ערפאהרונגען פון די לעצטע יאהרען האבען בעוויזען, אז די שאפונג פון א פעסטער אר-גאניזאציע פאר העבראישער קולטור און ערציהונג איז דרינגענד נויטווענדיג נישט בלויז פאר דער גייסטיגער רעטונג פון יודענטום אין גלות, נאר אויך פאר דער פערפעסטיגונג פון דער העבראישער קול-טור אין א"י. דאס וועט מעגליך זיין בלויז דעמאלט, ווען דאס יודענטום אין גלות וועט ערפילען זיין פליכט לגבי דער העבראישער קולטור אין איהר גאנצען פילזייטיגען פערנעהם. עס איז קלאר, אז די ציוניסטישע וועלט-ארגאניזאציע דארף נעמען אויף זיך די לאסט פון דער העבראיש - רעאליזירונג אין גלות און שטעלען זיך בראש פון דער ארבייט לטובת דער העבראישער בעוועגונג.

די עקזעקוטיווע פון דער „ברית עברית עולמית" אין לאנדאן דריקט אויס איהר האפנונג, אז דער 19-טער ציוניסטישער קאנגרעס וועט דינען אלס ווענדע-פונקט אין לעבען פון דער העבראישער בעווע-גונג אין גלות און וועט לעגען אנ'ארגאניזאציאנע-לען און פינאנסיעלען יסוד פאר דער קולטור- און ערציהונגס-ארבייט אין אלע גלות-לענדער.

די מיטגלידער פון דער לאנדאנער עקזעקוטיווע פון „ברית עברית עולמית", דער מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע פראפ. ז. בראָדעצקי אין דער רעדאקטאר פון „העולם" מ. קליינמאן, וועלען זיין די פערטרעטער פון „ברית עברית עולמית" הן אויפ'ן קאנגרעס, הן אין די אונטערהאנדלונגען וועגען די דערמאנטע פראגען אויסערהאלב דעם קאנג-רעס, צוזאמען מיט ה' א. לעווינסאן און די פער-טרעטער פון די „תרבות"-ארגאניזאציעס אין פוילען און אנדערע גלות-לענדער.

שענדונג פון אנ'אוראלטען יודישען בית-עלמין אין טשעכאסלאוואקיי

פראג (יט"א) נעבען דעם שטאטישען פארק אין בעהמיש - ליפא געפינט זיך אנ'אלטער יודישער בית-עלמין מיט זעהר אלטע מצבות, איינינע פון וועלכע זענען אלט העכער 300 יאהר. ביז-איצט אונ-ענטדעקטע איבערפאלער האבען ביינאכט בעשע-דיגט און צושטערט 13 היסטארישע ווערטפולע מצ-בות.

דער סאציאל - דעמאקראט שרייבט וועגען דעם אין א נאטיץ א. ק. „שטרייכער'ס האנד גרייכט אי-בער דער גרעניץ" צוו. אנד.: „עס איז נישט שווער פון דער האנדלונג גופא צו אורטיילען וועגען דער גייסטיגער איינשטעלונג פון די איבערפאלער. אליץ זאגט עדות וועגען דעם, דאס מען האט צו טון מיט די פאלגען פון אנטיסעמיטישער העצע, וואס ווערט געטריבען דורך געוויסע פעלקישע קרייזען און איז אנ'אפשפיגלונג פון די געשעהענישען אין דריטען רייך.

אונטערגעגאנגען א סאוויעטי-שע אונטערוואסער-שיף

די גאנצע מאנשאפט — טויט

לענינגראד, 4 (ספ. טעל.)

די סאוויעטישע אונטערוואסער-שיף, וועלכע איז מיט עטליכע טעג צוריק דערטרונקען געווארען, איז היינט ארויסגענומען געווארען פון וואסער. די גאנצע מאנשאפט איז געוועזען שוין טויט.

אקציעס אין אמעריקא שטייגען

צוליב דער פערבעסערטער ווירטשאפטליכער לאגע

ניו-יארק, 4 ספ. טעל.)

די כסדרדיגע בעסערונג אין דער ווירטשאפטלי-כע סיטואציע האט געברענגט דערצו, אז ס'הויבען זיך שטארק די קורסען פון דיאינדוסטריע-אקציע, אזעלכע הויכע קורסען האט מען שוין נישט נאטירט אין די לעצטע צוויי יאהר.

לעוואנעווסקי וועט שוין נישט פרובען היי-יאהר

אונטערנעמען זיין גיגאנטישען פליה

מאסקווא, 4 (ספ. טעל.)

דאס יאהר וועט שוין נישט אונטערגענומען ווערען קיין פרוב צו פליהען פון מאסקווא קיין סאן-פראנציסקא. ס'איז בעשטימט געווארען א קאָ-מיסיע, וועלכע דארף אויספארשען די סיבות, פאר וואס לעוואנעווסקי'ס רייזע האט זיך נישט איינ-געגעבען.

א וואולקאן שפייט...

טאקיא, 4 (ספ. טעל.)

דער וואולקאן סאמא—ראמא איז געווארען טעטיג. ער שפייט מיט לאווע, אש און רויך.

יודישע האנדווערקער און די וואהלען

בעשלוס פון האנדווערקער-פערבאנד צו געהען זעלבסטשטענדיג צו די וואהלען און פערלאנגען א דעפוטאט און א סענאטאר

ווארשא, 4 (טעלעפאניש פון אונזער קאָ-רעספאנדענט)

היינט איז אין ווארשא פארגעקומען א גרויסע זיצונג פון צענטראל-קאמיטעט פון צענטראלען יו-דישען האנדווערקער - פערבאנד אין פוילען. דער הויפט-פונקט אין דער טאג-ארדנונג איז געוועזען די בעציהונג פון די יודישע האנדווערקער צו די סיים-וואהלען. נאך א לאנגער דיסקוסיע איז בעשלאסען געווארען צו געהן זעלבסטשטענדיג צו די וואהלען און מיטטיילען די מאסגעבענדע אינסטאנצען, אז די האנדווערקער געהען אליין צו די וואהלען, פער-לאנגען א נעזיכערטען סיים-מאנדאט און א נאמיניר-טען סענאטאר.

צו דעם צוועק וועט היינט א דעלעגאציע פון צ. ק. בראש מיט ראסנער'ן אוועק צו דער רעגירונג. אלס קאנדידאטען צום סיים פון די האנדווערקער זענען בעשטימט געווארען אדוו. ווייצמאן (לאדז), ראסנער און ראטבאנד (ווארשע) און פישער (קראָ-קא).

ווייטער האט זיך דער צ. ק. פערנומען מיט דעם ענין ראסנער. ס'איז בעשלאסען געווארען, אז די אויספארשונגס - קאמיסיע, וועלכע איז געשאפען געווארען אויסצופארשען דעם ענין ראסנער, זאל פערוואנדעלט ווערען אין א געריכט, וועלכע זאל משפט'ן ראסנער'ן. ס'איז אויך בעשלאסען געווארען צונויפצורופען דעם האנדווערקער - קאנגרעס אויף חול-המועד סוכות. ביז דעמאלט בלייבט פארזיצער פון דער עקזעקוטיוו ראסנער.

פון לאדז זענען אויף דער זיצונג פון צענטראלען קאמיטעט אנוועזענד געווען די ה"ה יוזעפאוויטש און הערשקאוויטש.

פראנצויזישע קאמבאטאנטען אין לענינגראד

לענינגראד, 4 (ספ. טעל.)

דא איז אנגעקומען א גרופע געוועזענע פראנ-צויזישע קאמבאטאנטען מיט'ן פראנצויזישען דעפו-טאט פלאנשע בראש.

דער „יום-טוב פון די בערג"

זאקאפאנע, 4) (ספ. טעל.)

היינט איז דא פארגעקומען די פייערליכע ער-עפנונג פון „יום-טוב פון די בערג". ס'זענען געוועזען אנוועזענד דער לייטער פון קריגס-מיניסטעריום גענ. קאספזשיצקי, דער קראקאווער וואיעוואדע ראשטש-קעוויטש, גענעראל מאנד א. א.

פרל. וואלאשעוויטש געשלאגען דעם וועלט-רעקארד אין 200-מעטער-לויף

לויט דער איניציאטיוו פון דעם ווארשאווער לייכטאטלעטישען קרייז-פערבאנד זענען נעכטען פארגעקומען לייכטאטלעטישע פערמעסטונגען, אויף וועלכע פרל. וואלאשעוויטש האט געמאכט א פרוב צו שלאגען דעם וועלט-רעקארד אויף 100 און 200 מעטער-לויף. דער פרוב אויף 100 מעטער האט זיך נישט איינגעגעבען. זי האט דעם שטח אדורכ-געמאכט אין 11.7 סעק. דאס הייסט אין א צייט ווי ס'איז דער ביז איצטיגער וועלט-רעקארד.

דאגעגען האט זיך דער פרוב גלענצענד איינגע-געבען אין 200 מעטער-לויף. די אויסגעצייכענטע לייכטאטלעטין האט דעם וועג דורכגעמאכט אין 23,6 סעקונדען, דאס הייסט מיט 0,2 סעקונדען וועניגער ווי ס'איז געוועזען דער ביז-איצטיגער וועלט-רעקארד פון דער ספארטלערין.

אורטייל אויף קאמוניסטען אין חיפה

חיפה. פארן היגען קרייז-געריכט איז פארגע-קומען א פראצעס פון 3 פערזאן, וואס זענען אנ-געקלאגט געווארען אין געהערען צו דער קאמוניס-טישער ארגאניזאציע. די אנגעקלאגטע העניע חפץ איז פער'משפט געווארען צו 6 חדשים תפיסה; סימה קליין און עטעל ראפאפארט צו 4 חדשים און חאה ראזענבערג צו 3 חדשים תפיסה. די איבעריגע 4 אנגעקלאגטע זענען בעפרייט געווארען.

אראבישע צייטונגען

ירושלים. דער אראבישער יוגענד-פערבאנד האט אפגעקויפט די דרוקעריי פון דעם מופטי-בלאט „אל וואהדא אל אראביא" אין ירושלים און וועט אין איהר ארויסגעבען אנ'אראבישע יוגענד-צייטונג.

ווי עס ווערט מיטגעטיילט, וועט די „אראבישע רעפארם-פארטיי", בראש פון וועלכער עס שטעהט דער ירושלים'ער בירגערמייסטער ד"ר כאלדי, אפ-קויפען די יפו'ער צייטונג „איסיראט אל-מוסטאקים", וואס געהערט איצט צו דער מופטי-אפאזיציע.

ס'קומט ערגעץ פאר אנ'ערדציטערניש

מאסקווא, 4 (ספ. טעל.)

די צענטראלע סייסמאגראפישע סטאציע אין מאסקווע, האט נאטירט א שטארקע ערד-ציטערניש אויף א מרחק פון 7630 קילאמעטער ערגעץ אין דער געגענד פון סומאטרא.

לודוויק זאץ געזעגענט זיך מיט לאדז

גרויסע פארשטעלונג אין „ראזמאי טאשטשי"-טעאטער

היינט אוועגד געזעגענט זיך מיט לאדז דער קינסטלער לודוויק זאץ.

דער אוועגד פערשפרעכט צו זיין גאר אינ-טערעסאנט. דער קינסטלער וועט זיך בעווייזען אין איין אוועגד אין זיינע בעסטע ראלען פון זיין פערשידענארטיגען רעפערטואר. אין „גזלן", אין „לײדיקגײיער" און אין „אלץ פאר קינדער". פון אלע פיעסען וועלען געשטעלט ווערען די סאמע בעס-טע אקטען.

צום שלוס וועט זיך לודוויק זאץ פרעזענטירען פאר'ן עולם אין זיינע בעסטע שלאגער-לידער מיט וועלכע ער האט זיך קונה שם געווען אויף גאר דער וועלט.

עס איז קיין ספק, אז דאס טעאטער וועט היינט זיין איבערפולט פון לודוויק זאצ'ס מאסע פערעהרער.

אין ציעכאצינעק איז צו בעקומען טעגליך דעם נייעם פאלקסבלאט ביי ש. סוכעצקי, זדראיאווא 10.

Dr. med. H. LUBICZ
פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראנקה.
צעגעלניאנא 7 (פריהער 43), טעל. 114-32
עמפפאנגס-שעה'ן: 8–10, 12–2 און 5–8 אוועגד
זונטאג פון 9–11 בייטאג און יום-טוב פון 9–1.
פאר דאמען — א בעזונדערער ווארטע-זאל.

אויספלוגען קיין פאלעסטינע פון 630.— זל. אן
ארגאניזירט „ארביס" פיעטריקאווער 18, טעל. 249-33
אויף הנחה-פעסער קיין טשעכא-סלאוואקיי און יוגאסלאוויען.
אויך קיין עסטרייך.

Dr. med. P. Braun
ספעציאליסט פאר הויט און ווענערישע קראנקה.
נעהמט אן פון 8–1 און פון 4–8 אוו.
Cegielniana 4, tel. 106-57.

לאדז. 5 אויגוסט 1935 „נייער פאלקסבלאט" לאדז. 5 אויגוסט 1935

פוילען וועט אין דער דאנציגער פראגע

נישט איינגעהן אויף קיין שום קאמפראמיסען

פוילישע פרעסע וועגען דער לעצטער נאטע פון פרעזידענט גרייזער

אויף דעם פראָטעסט פון דער פוילישער רעגירונג געגען דער אונגעזעצליכער האַנדלונג פון דאַנציגער סענאַט האָט פרעזידענט גרייזער צוגעשיקט אַ ענטפער אין וועלכע ער בשולדיגט גאָר אין ברעכען דעם ווערסיילער טראַקטאַט. גרייזער פיהרט אויס, אַז דער שריט פון דאַנציגער סענאַט אָפּצושאַפען דעם צאָל אויף אַ רייהע אַרטיקלען, איז דיקטירט געוואָרען דורך דער נויטווענדיגקייט צו שיצען די לעבענס אינטערעסען פון די פריי-שטאַט, וועלכע איז כלומרשט בעדראָהט געוואָרען דורך דער פעראָרדנונג פון פוילישען פינאַנץ-מיניסטער פון 18 יולי. די דאָזיגע פעראָרדנונג בעשטעהט ווי בעוואוסט אין דעם, אַז דער איינפיהר צאָל אויף פערשידענע סחורות זאָל גענומען ווערען אין די צאָל-אַמטען, וואָס געפינען זיך אויפ'ן פוילישען געביט.

די פוילישע פרעסע רעאַגירט שאַרף אויף דער לעצטער נאָטע פון פרעזידענט פון דאַנציגער סענאַט גרייזער. די האַלב אָפיציעלע „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ" גיט צו דער דאַנציגער נאָטע פאָלגענדע בעמערקונג:

די אויבענדערמאָהנטע נאָטע פון פרעזידענט פון דאַנציגער סענאַט צייכענט זיך אויס מיט צביעות. מיר געהען איבער צו דער טאָג אָרדנונג איבער דער זאָרג פון ה' גרייזער וועגען וואויל פון דער פוילישער רעפּובליק און פוילישער רעגירונג. דאָס איז נישט די זאַך פון דאַנציגער סענאַט.

דער שטענדיגער טריק פון סענאַט פון דער פריישטאַט איז אָנצוהויבען אַלע זיינע בעטראַכטונגען נישט פון אָנהויב פון דער פראַגע, נאָר פון דער מיטען. ווייל די פעראָרדנונג פון פינאַנץ מיניסטער פון 18 יולי איז געווען אַ אונפערמיידליכע נויטווענדיגקייט צום סוף פון די וויכטיגסטע פוילישע ווירטשאַפטליכע אינטערעסען, וואָס זענען אָנגעריהרט געוואָרען דורך די וואַלוטע שפּילערייען פון דער דאַנציגער מאַכט, ווי אויך דורך די דעוויזען פעראָרדנונגען מיט וועלכע דער דאַנציגער סענאַט האָט געוואָלט פערלאַטען די פאָלגען פון זיין פאַטאַלער ווירטשאַפט. מיר האָבען שוין נישט איינמאָל אַרומגערעדט די סתירות פון די דאָזיגע פעראָרדנונגען מיט פערפליכטענדע אָפּמאַכען, וואָס בינדען די פריישטאַט, ווי אויך זייער שעדליכקייט פאַר די אינטערעסען פון די פוילישע בירגער. מיר ווילען די דאָזיגע ווערטער נישט איבערחזרן ווייל מיר צווייפלען נישט, דאָס זיי זענען פאַר די דאַנציגער פאַקטאָרען פולשטענדיג קלאָר און דאָס פערשווייגען אָדער פערדרעהען [illegible] ערקלערונגען פון דער דאַנציגער מאַכט פליסט נישט אַרויס פון אונבעוואוסטזיניגקייט, די לעצטע נאָטע פון פרעזידענט פון דאַנציגער סענאַט צום פוילישען גענעראַל קאָמיסאַר ענדערט גאָרנישט אין דער לאַגע.

די שטעלונג פון דער פוילישער רעגירונג בלייבט אונפערענדערט."

דער „קוריער פּאָראַנני" שרייבט: „עס איז זיך שטאַרק טועה, גרייזער, אויב ער מיינט, אַז זיין לעצטע פעראָרדנונג — אַ פעראָרדנונג וואָס גראָבט אונטער די יסודות פון דער פוילישער צאָל אָרגאַניזאַציע — וועט בעזייטיגען די שוועריגקייטען פון דער פריישטאַט. די דאָזיגע פעראָרדנונג קען די שוועריגקייטען נאָר פערטיפען. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלען אַ וועג וואָס וואָלט אויף אַ מעהר זיכערען אויפ'ן געפיהרט צו אַ ווירטשאַפטליכער קאַטאַסטראָפע, ווי דער וועג וועלכען עס האָט לעצטענס בעטרעטען די דאַנציגער מאַכט; דער וועג פון ברעכען אָפּמאַכען, וואָס בילדען דעם יסוד סיי פון דער פּאָליטישער עקזיסטענץ פון דער פריישטאַט ווי אויך פון איהר עקזיסטענץ און עקאָנאָמישען וואוילשטאַנד.

געהענדיג אויפ'ן דאָזיגען וועג, קען דאַנציג גאָרנישט ערוואַרטען אַ חוץ ענטוישונגען. ווייל פוילען וועט נישט אָפּטרעטען און קען נישט אָפּטרעטען פון איהרע פאָרמולירטע פאָדערונגען. זי וועט נישט אָפּטרעטען פון דער פאָדערונג, אַז עס זאָלען צוריקגעשטעלט ווערען די בעדינגונגען, וואָס מאַכען איהר מעגליך צו ערפילען איהרע התחיבות'ן לגבי דער פריישטאַט, וואָס זי האָט אויף זיך פריוויליג גענומען."

וועגען דעם דאַנציגער קאָנפליקט שרייבט געוו. רעפּוטאַט ניעדזיאַלקאָווסקי אין נעכטיגען „ראָבאָטניק" צווישען אַנדערען פאָלגענדעס: „די לעצטע דאַנציגער געשעהענישען האָבען אין די אויגען פון דער עפענטליכער מיינונג פון לאַנד בעשטעטיגט דעם פאַקט, וואָס איז פאַר אונז נישט אונטערליגען קיין שום ספק;

די אויסערליכע פּאָליטיק פון מיניסטער בעק האָט פערשפּילט. צוויי זאַכען זענען דאָ דעצידירענד: 1) דער סענאַט פון דער היטלעריסטישער „פריישטאַט" האָט אַרויסגעגעבען זיינע פעראָרדנונגען, ברעכענדיג אַלע אָפּמאַכען און טראַקטאַטען — פעראָרדנונגען, וואָס שטרייכען איבער גלייכצייטיג די יורידישע בעציהונג פון דאַנציג צו פוילען, אין פערשטענדיגונג מיט בערלין;

2) די היטלעריסטישע רעגירונג פון דריטען רייך האָט נישט נאָר בעצייטענס אַקצעפּטירט די דאָזיגע פעראָרדנונגען, נאָר איז געווען — לויט אַלע פאַקטען — זייער איניציאַטאָר און פיהרער.

דער היטלעריסטיש סאַנאַטאָרישער פלירט האָט זיך געענדיגט, דער היטלעריזם האָט עטליכע „עקספּאַנסיע ריכטונגען" אויב מען זאָל זיך בענוצען מיט'ן אויסדרוק פון פאָן ראָזענבערג: 1) אויף מערב (סאַאַר געביט שוין דערגרייכט, עלזאַס לאָטרינגען, אַמאָל אין דער צוקונפט), 2) דרום (עסטרייך, טשעכיען, באַלקאַן), 3) מזרח (שלעזיען און פּאָמערען אין דער אונבעשטימטער צוקונפט. דאַנציג — ווי אַמשנעלסטען).

מיר האָבען געשריבען און גערעדט: די פראַגע בעשטעהט נישט אין דעם צי דער היטלעריזם וועט אויסשטרעקען די האַנד נאָך דאַנציג אָדער עסטרייך; אויסשטרעקען וועט ער זיכער. עס געהט נאָר וועגען דער רייהע פריהער נאָך דאַנציג, צי פריהער נאָך עסטרייך. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז פריהער נאָך דאַנציג."

בעדייטונג פון לעוואַניעווסקי'ס פּרוב

איבערצופליהען דעם צפון פאָל

דער גיגאַנטישער פליה איבערן צפון פאָל, אויף דער שטרעקע מאָסקווא — סאַן פראַנציסקא האָט געמוזט איבערגעריסען ווערען צוליב אַ דעפעקט אין מאָטאָר. דער העלדישער פליהער לעוואַניעווסקי וועט אַזוי אַרום אין איצטיגען מאָמענט נישט קענען אויספיהרען זיין דרייסטע אונטערנעהמונג. אָבער דאָך איז זיכער, אַז נאָכ'ן אָרדנונג ברענגען פון מאָטאָר און די בעזייטיגונג פון די מניעות, וועט דער פּרוב איבערגעחזרט ווערען.

מיט'ן פּראָבלעם פון צפון פאָל פערנעהמען זיך אַ גאַנצע רייהע געלעהרטע, זיי פיהרען אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע מאַכען פאָרברייטונגען. דער בעקאַנטער פאָרשער פון די פאָלאַר געגענדען האָט אין דער מאָסקווער „פּראַוודאַ" פערעפענטליכט אַ אינטערעסאַנטען אַרטיקעל וועגען דער דראָבערונג פון צפון-פאָל. דערמאָנענדיג די געשיכטע פון אַלע עקספּעדיציעס צום פאָל שטעלט ער פעסט, אַז די פעראינטערעסירונג שטייגט כסדר בעזונדערס אַ דאַנק די נייע דעראָבערונגען פון דער טעכניק און געוואַלדיגער ענטוויקלונג פון דער לופט-פליהעריי. די לופט-פליהעריי האָט בעוויזען, אַז דער פאָל איז פאַר איהר דערגרייכבאַר, איז דעריבער ענטשטאַנען דער געדאַנק פון טראַנסאַרקטישע פליהערייען, וואָס זאָלען פערבינדען אייראָפּאַ, מזרח אַזיען און צפון מערבדיג אַמעריקאַ.

אין ראַטען פערבאַנד האָט מען געפינען דעם וועג צו דעראָבערען די פאָלאַר געגענדען — דורכ'ן צפונדיגען ים-וועג. אין 1932 האָט דער דאָזיגער וועג אַדורכגעמאַכט צום ערשטען מאָל „סיביריאַקאָוו" אין משך פון איין סעזאָן. די עקספּעדיציעס פון די אייזברעכער „טשעלוסקין" און „לילקע" האָבען בעוויזען דאָסזעלבע.

נאָכ'ן אַדורכפיהרען די דאָזיגע אַרבייט און נאָכ'ן אָנהויבען די אַרבייט אויפ'ן צפונדיגען טייל פון קאָנטינענט, קען מען איצט [illegible]קומען אויפ'ן פאָל דורך אַ פולשטענדיג נייער מעטאָדע. אונזערע עראָפּלאַנען אויף צפון — זאָגט פּראָפ. שמידט — פיהרען אויס אַ גרויסע און וויכטיגע אַרבייט. זיי פאָרשען אויס דאָס לעבען אין ים, אָדער דעם צושטאַנד פון אייז נאָך איידער עס קומען דאָרט צו די אייזברעכער, ווי אויך די אַרבייט פון דער בעדייטונג פון די צפונ'דיגע לופט-ליניעס האָט צוגעגרייט אויסגעצייכענט עפּאָלאַר-פּילאָטען, אַזוי אַז דער חלום צו דעראָבערען דעם צפון פאָל קען שוין איצט פערווירקליכט ווערען.

מיר האָבען געמאַכט צוגרייטונג אַרבייטען פאַר אַזעלכע אונטערנעהמונגען — זאָגט פּראָפ. שמידט, מיר האָבען אויסגעבויט אַ רייהע מעטעאָראָלאָגישע און ראַדיאָ סטאַציעס.

עס איז גענוג אָנצווייזען, אַז אויף דעם פאָלאַר קרייז אַרבייטען איבער 60 אונזער מעטעאָראָלאָגישע סטאַציעס, און אַז 40 פון זיי האָבען אויסגעצייכענטע ראַדיאָ אַפּאַראַטען, אַזוי אַז די ברעגעס פון אייז אָקעאַן, זענען טעכניש בעסער פערזאָרגט ווי דער אַמעריקאַנישער טייל פון דער אַרקטישער געגענד.

שטיצענדיג זיך אויף אונזער גאַנצער אַרבייט קענען מיר איצט צוטרעטען אַריבערצופליהען איבערן פאָל אויף פולשטענדיג נייע יסודות לעוואַניעווסקי'ס פליה דאַרף בעווייזען די מעגליכקייט פון אַ טראַנסאַרקטישען פליה, אַלס די שנעלסטע פערבינדונג צווישען די ווייטסטע לענדער.

אַלס אמת'ער לופט-פליהער-פאָרשער וועט לעוואַניעווסקי און זיינע חברים פון פליה אַדורכפיהרען בעת זייער פליהען אַ רייהע פאָרשונגען, וואָס וועלען בעדייטענד פערגרעסערען אונזערע ידיעות וועגען דעם צענטראַלען פאָלאַר-באַסיין. אַ גרויסע בעדייטונג האָט דער פאַקט, אַז לעוואַניעווסקי נאָכען דערגרייכען דעם פאָל האָט בדעה צו געהן נאָך ווייטער: צוצוקומען נישט גלייך אויף אַלאַסקאַ, נאָר אַביסעל אויף לינקס און בעוועגען זיך אין דער ריכטונג און אַדורכפליהענדיג דעם טייל פון אייז אָקעאַן, וואו עס איז נאָך ביזאיצט קיינער נישט געווען (דער אַזוי גערופענער „אונצוגענגליכער פאָל") די אויפגאַבע פון אַ גאַנצען נעץ סאָוויעטישע ראַדיאָ-סטאַציעס אויף צפון, אויך די ראַדיאָ-סטאַציעס פון אַלע אייז-ברעכער וואָס שווימען איצט אויף צפון וועלען לעוואַניעווסקי צושטעלען, גענויע מעטעאָראָלאָגישע ידיעות.

די פעראינטערעסירונג פון דער גאַנצער וועלט אין איצטיגען מאָמענט איז אַ גאַנץ פערשטענדליכע ערשיינונג. דער פאָל האָט נאָך פאַר אונז, אַ חוץ דער טראַנסאַרקטישער לופט-פליהעריי אַ אַנדערע בעדייטונג. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען וואָס פאַר אַ בעדייטונג עס האָבען די גרויסע מאַסען קאַלטע אַרקטישע לופט אויף דער בילדונג פון וועטער אין גאַנץ אייראָפּאַ און צפון אַזיען, די הויפּט יסודות פון דער דאָזיגער ערשיינונג זענען שוין אויסגעפאָרשט.

דער ערפאָלג פון די סאָוויעטישע לופט-פליהעריי האָט שוין געשאַפען רעאַלע מעגליכקייטען אויפצובויען מעטעאָראָלאָגישע סטאַציעס אויפ'ן אייז. שוין נישט לאַנג וועלען מיר וואַרטען אויפ'ן מאָמענט ווען אַ עראָפּלאַן וועט ברענגען אַ געלעהרטען, פערזעהען אין געצעלטען, פּראָוויאַנט א. אַז. וו. אויף אַ פון פריהער פאָראויסבעשטימטען אָרט צווישען דעם אייביגען אייז און וועט איהם דאָרט איבערלאָזען אויף אַ לענגערע צייט בכדי ער זאָל קענען רוהיג אַרבייטען אַפילו אַ גאַנץ יאָהר. עס וועט אויך נישט זיין קיין אונמעגליכקייט אויסצובויען אויפ'ן פאָל אַליין אַ אָבסערוואַטאָריום, וואָס וועט סיסטעמאַטיש אַרבייטען ביי טאָג און ביינאַכט און צושטעלען דורכ'ן ראַדיאָ ידיעות וועגען וועטער. ערשט דאַן וועט דאָס פּראָבלעם פון צפון פאָל זיין פולשטענדיג געלעזט

מען זוכט א נייעם דאַלאַי-לאַמא

די מיליאָנען גלויביגער פון לאַמאַיזם אין טיבעט, מאָנגאָליען, מאַנדזשוריען, דזשעהאָל און אויפ'ן גאַנצען שטח פון צפון כינע האָט מען געמעלדעט די פרעהליכע ידיעה, אַז די „וואָהרזאָגער" פון איינעם פון די קעניגליכע קלויסטערס אין להאַסאַ (הויפּטשטאָט פון טיבעט) האָבען שוין געזאָגט וואו מען דאַרף זוכען דעם 14-טען גלגול פון „גאָט וואָס הערשט אין מערבדיגען גן-עדן" רעדענדיג מיט אַ מענשליכער אייראָפּעאישער שפּראַך, דאַרף מען ערקלערען, אַז ס'האַנדעלט זיך צו געפינען אַ נייעם דאַלאַי-[illegible] דעם הערשער פון טיבעט, וואָס זיין רעליגיעזע אויבערהערשאַפט גרייכט ווייט מחוץ די גרענעצען פון טיבעט.

דאָס איז אַ זעהר פערוויקעלטע פראַגע, דער פריהערדיגער דאַלאַי לאַמאַ האָט שוין מיט 6 חדשים צוריק פערענדיגט זיין שטורמיש לעבען. צוויי מאָל איז ער פערטריבען געוואָרען פון זיין הויפּטשטאָט, דאָס ערשטע מאָל דורך די ענגלענדער אין יאָהר 1904. און דאָס צווייטע מאָל דורך די כינעזער אין 1910. פריהער האָט ער אַרויסגעוויזען אַ נייגונג צו רוסלאַנד, דאַן צו ענגלאַנד. בכלל האָט ער אויף אַ מייסטערהאַפטען אופן מאַנעווירט בנוגע די ביידע מלוכות און מיט אַ אייזערנע האַנד האָט ער אונטערדריקט די אינערליכע געגנער. ער האָט געוואַגט אויף אַ אונ[illegible]טען שריט פערטרייבענדיג פון לאַנד דעם העכסטען, נאָך איהם, גייסטליכען אין דער לאַמאַיאישער היעראַרכיע. ער האָט אָנגעהויבען די מאָדערניזירונג פון טיבעט. ער האָט איינגעפיהרט פּאָסט, טעלעגראַף, באַהנען. ער האָט געשאַפען אַ ציווילע רעגירונג, וואָס איז בעשטאַנען פון פּערזאָנען, וואָס האָבען זייער ערציהונג בעקומען אין די אייראָפּעאישע אוניווערזיטעטען. ער איז בכלל געווען אַ אויסערגעוועהנליכער אינדיווידואַליטעט.

אָבער אין מאָמענט ווען ער האָט געוואָלט רעפאָרמירען די פּראָצעדור פון וועהלען אַ נייעם דאַלאַי-לאַמאַ אינסטיטוט בעשטימען זיין נאָכפאָלגער. איז ער געשטאָרבען. איצט קומט אין טיבעט פאָר די צוגרייטונגען צו דער וואַהל פון נייעם דאַלאַי-לאַמא לויט די מנהגים, וואָס פּראַקטיצירען זיך שוין זייט 6 הונדערט יאָהר ד. ה. זייט דעם טויט פון ערשטען דאַלאַי-לאַמא.

לויט דעם הערשענדען גלויבען קומט דער דאָזיגער ערשטער דאַלאַי-לאַמא, כסדר צוריק אויף דער ערד אין אַ נייעם קערפערליך געשטאַלט. נאָכ'ן שטאַרבען געפינט ער זיך 49 טעג אין די העכערע עולמות, דערנאָך נעהמט ער אָן די געשטאַלט פון אַ קינד, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין שכנות פון איינעם פון די 65 הויפּט קלויסטערס אין טיבעט. די גייסטליכע דערקענען דאָס קינד, וואָס איז בעשאָנקען מיט געטליכען גייסט אויפ'ן יסוד פון וואָהרזאָגעריי, וואָס גיבען נאָר אַלגעמיינע און זעהר קאָמפּליצירטע אָנווייזונגען. אָפּט קומט דעריבער אויס אויסצוועהלען צווישען איניגע נייגעבוירענע. די קינדער ווערען דאַן אונטערוואָרפען פערשידענע פּרובען, וואָס דויערען איניגע יאָהר. מען ווייזט זיי למשל די קליידער פון פערשטאָרבענעם דאַלאַי-לאַמא, אַז „זיי זאָלען עס דערקענען פאַר זייער אייגענטום", עס ווערען ווייטער געפרעגט עצות ביי די וואָהרזאָגער, עס ווערען אָפּגעריכט תפילות, תעניתים, מען קוקט אויס סימנים אויפ'ן הימעל און ערד. ערשט אין 5-טען יאָהר פון לעבען פון קינד ווערט עס ענדגילטיג ערקלערט פאַר דעם אמת'ען דאַלאַי-לאַמא, אָבער אויף איבערנעהמען די מאַכט מוז עס וואַרטען ביז צום 20-טען יאָהר פון לעבען.

נישט קוקענדיג אויף אַזויפיל גאַראַנטיעס האָבען די טיבעטאַנישע וואָהרזאָגער אויסערגעוועהנליך לאַנג געוואַרט אויף צו וואַרפען די ערשטע ווערטער פון וואָהרזאָגעריי. איצט האָבען זיי זיך נאָר בעגרעניצט אָנצווייזען אַ אַזיערע אין וועלכער אַ פייערליכע דעלעגאַציע פון גייסטליכע האָט געזעהען אַ אָפּשפּיגלונג פון דערפעל, אין וועלכען עס איז געקומען אויף דער וועלט דער נייער דאַלאַי-לאַמא. דאָס זאָל שוין זיין אַ זעהר וויכטיגער שריט אויפ'ן וועג צו געפינען דעם קאַנדידאַט אויפ'ן נייעם הערשער. יעדענפאַלס וועט דאָס זוכען געדויערען נאָך עטליכע וואָכען. דערווייל וועט אָבער צוריקקומען קיין להאַסאַ פון גלות דער אַלטער פערטריבענער גייסטליכער, וועלכער איז געווען אַ פאַנאַטישער פערטיידיגער פון אַלע אַלטע טראַדיציעס און איצט איז ער קודם-כל אַ פערברענטער פערעהרער פון יאַפּאַן, וועלכע ווייזט איהם אַרויס איהר אונטערשטיצונג.

אין זיי זעהט אויס געפינט זיך דער שליסעל צו די סודות פון די איצטיגע טיבעטאַנישע וואָהרזאָגען, לויט אַלע וואָהרשיינליכקייטען איז אונטער דעם שלייער פון די מיסטישע טיבעטאַנישע וואַהל-צערעמאָניעס, פשוט פערשטעקט... אַ ווייטערדיגער עטאַפּ פון דעם יאַפּאַנישען אַריינדרינג אויף דעם קאָנטינענט פון ווייטען מזרח.

ניי׳ער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

ניי׳ער פאלקסבלאט

מאנטאג, 5 אויגוסט

ו׳ מנחם אב תרצה

זון-אויפגאנג	4.02
זון-אונטערגאנג	7.21

הכנות צו די סיים-וואהלען

נעכטען אפגעפלאסען דער טערמין פון אנמעלדען קאנדידאטען אין די וואהל=קאלעגיעס

(א) אין צוזאמענהאנג מיט די פארבערייטונגען צו די וואהלען אין סיים און סענאט, האבען נעכטען די קרייז־קאמיסיעס נארמאל אמטירט, אזוי ווי יעדען טאג אין די אמטס־שעה׳ן.

נעכטען איז אפגעפלאסען דער טערמין אפצוגעבען קאנדידאטען ־ ליסטעס אין די וואהל־קאלעגיעס דורך 500 פערזאניגע גרופען.

ווי עס איז אונז, ביז איצט געלונגען פעסטצושטעלען, איז אין 15־טען קרייז אנגעמאלדען געווארען 1 קאנדידאטור, דורך א יודישער גרופע, אויסער דעם דארפען פון יודישע גרופעס נאך אנגעמאלדען ווערען צוויי קאנדידאטען, איינער נאך אין 15־טען קרייז און איינער — אין 16־טען קרייז.

היינט וועלען די פארזיצערס פון די אבוואדא־ווע קאמיסיעס, בעקומען די וואהל־ליסטעס צום סיים. נאך דער קאנטראלע, וועלען די ליסטעס אויסגעלעגט ווערען אויף 7 טאג, ד. ה. ביז 14. ה. ח. כדי יעדער פעראינטערעסירטער זאל האבען די מעגליכקייט צו קאנטראלירען זיין וואהל־רעכט

אלס ערשטער לאדזער וויצע=פרעזידענט

איז בעשטימט געווארען דער זעלבסטפערוואלטונגס-אינספעקטאר ביי דער וואיעוואדזטווע ה׳ קאזשימיעזש קאזלאווסקי

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט האט דער וואיעוואדע צוגעטיילט צום פרעזידענט אינזש. גלאזעק אלס בעל־יועץ דעם זעלבסטפערוואלטונגס־אינספעקטאר ביי דער וואיעוואדזטווע ה׳ קאזלאווסקי. דערפון האבען מיר ארויסגעדרונגען, אז דער ה׳ קאזשימיעזש קאזלאווסקי וועט בעשטימט ווערען אלס לאדזער ערשטער וויצע־פרעזידענט.

אונזער השערה האט זיך טאקע ארויסגעוויזען פאר אמת און נעכטען האט דער אינערן־מיניסטער בעשטימט אלס ערשטען לאדזער פרעזידענט דעם זעלבסט־פערוואלטונגס ־ אינספעקטאר ה׳ קאזשימיעזש קאזלאווסקי. די דאזיגע קאנדידאטור איז אין דער ערשטער רייה געקומען אין בעטראכט צוליב דעם, וואס ה׳ קאזלאווסקי קען גוט די פערהעלטענישען אין דער לאדזער שטאט־פערוואלטונג אלע נויטען און בעדערפענישען פון דער שטאט, ווייל אלס זעלבסט־פערוואלטונגס ־ אינספעקטאר האט דער ניי־נאמינירטער וויצע־פרעזידענט געהאט די מעגליכקייט, בעת די לוסטראציעס פון לאדזער מאגיסטראט זיך צו בעקענען מיט די דאזיגע אלע ענינים.

ה׳ קאזלאווסקי נעהמט שוין היינט איבער זיין אמט, וואס שייך די קאנדידאטור פון דעם אנדערען וויצע־פרעזידענט ווערען אנגערופען פערשידענע נעמען, אבער קיין שום קאנקרעטעס קען מען נאך וועגען דעם נישט זאגען, וואהרשיינליך וועט אויף דעם אמט אויך בעשטימט ווערען א פערזאן, וועלכער קען גוט די פערהעלטענישען אין דער לאדזער שטאט־פערוואלטונג.

ס׳איז שוין אויך פערטיג די רשימה פון די פערזאנען, וועלכע דארפען בעשטימט ווערען אין ביי־ראט. די נאמינאציעס אינם ביי־ראט וועלען פונאנדערגעשיקט ווערען ביז דעם 15. אויגוסט. דאן וועט שוין די גאנצע אנפיהרונג אין ביי־ראט און מאגיסטראט זיין קאמפלעטירט און די לאדזער שטאט־פערוואלטונג וועט צוטרעטען צו א נארמאלע טעטיגקייט.

דאס הויז אויף סאלנע 11 דראהט א קאטאסטראפע

דארטיגע איינוואוינער, וואוינען אהן די עלעמענטארסטע, סאניטארע בעדינגונגען

(א) נאך דער טרויעריג־בעריהמטער הויז־קאטאסטראפע איןווארשע, האט די זיכערהייטס־אפטיילונג ביי דער היגער סטאראסטווע אונטערגענומען א שטרענגע קאנטראל, הויפטזעכליך איבער די אלטע הייזער אין לאדז.

אין רעזולטאט פון דער קאנטראל,, האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דאס ראג־הויז אויף סאלנע 11, אין וועלכען עס וואוינען איבער 60 פאמיליעס איז שוין זעהר לאנג נישט רעמאנטירט געווארען.

הגם, ווי די קאמיסיע האט פעסטגעשטעלט, דראהט די איינוואוינער איצט נישט קיין דירעקטע געפאהר, איז אבער נישט אויסגעשלאסען, אז אין די נאהענטסטע וואכען זאל דארט נישט געשעהען קיין קאטאסטראפע. א חוץ דעם, האט די קאמיסיע פעסטגעשטעלט, וואוינען די דארטיגע איינוואוינער אין שרעקליך היגיענישע בעדינגונגען

די ווירטסלייט פונם דערמאהנטען הויז זענען אויפגעפאדערט געווארען, תיכף אדורכצופיהרען אן׳ ענטשפרעכענדען רעמאנט, א חוץ דעם וועלען זיי בעשטראפט ווערען פאר דעם אנטי־סאניטארען צושטאנד, וועלכער הערשט אין יענעם הויז

זאל פילהארמאניע
נאראטאוויטשא 20.

יונג - טעאטער
קינסטל. אנפיהרונג: ד״ר מ. בראנדט.

היינט, מאנטאג, דעם 5-טען אויגוסט, 9.15 אוונט
א גרויסע הנחה=פארשטעלונג
טרופע טאנענצאפ

בילעטען צום פרייז פון 54 גר. ביז 2 זל. צו בעקומען אין דער פארקויף־ביבליאטעק של. קאשטשושקי 9, טעל. 191-50 [illegible] פון 10 פריה ביז 2 נאכמיטאג און ביי די קאסע פון פילהארמאניע.

קהלה האט ביליגער געמאכט דעם אפצאהל

אין דער קהלה׳שער באד-אנשטאלט און מקוה

צוליב די כסדר׳דיגע פערלאנגען וועגען ביליגער מאכען דעם אפצאהל אין דער קהלה׳שער באד און מקוה, האט דער פרעזעס מינצבערג צונויפגערופען א זיצונג פון מקוה ־ קאמיטעט און ס׳איז בעשלאסען געווארן ביליגער צו מאכען די אפצאהלען אויף פאלגענדען אופן: ערשטע קלאס פאר פרויען אנשטאט 3 זל. — 2,50; צווייטע קלאס אנשטאט 2 זל. — 1,50; דריטע קלאס 70 גראשען אנשטאט א זלאטי. א חוץ דעם איז אויך קלענער געווארען מיט 20 גר. דער אפצאהל פאר דער דינערשאפט.

אויך זענען ביליגער געווארען די פרייזען אין דער מקוה, אין וואכען־טעג וועט קאסטען 25 גראשען, פרייטאג נאר 30 גראשען. ס׳איז אויך ביליגער געווארען דער אפצאהל פאר די קעסטלעך.

ס׳איז אויך בעשלאסען געווארען זיך צו ווענדען צו דער בעפעלקערונג, אז ווער ס׳האט עפעס אנ׳אנקלאגע געגען דער בעדינונג זאל זיך ווענדען דירעקט אין דער קהלה.

שטרייק פון שניידער-ארבייטער

(א) מיט איינעגע טעג צוריק איז אויסגעבראכען א שטרייק ביי די שניידער־ארבייטער, סיי ביי בעשטעלטע שניידער, סיי ביי מאגאזין־שניידער. דער אונטערגרונד פון דעם שטרייק, איז די פאדערונגען, וואס עס שטעלען ארויס די שניידער ־ געזעלען — אפצוהיטען דעם 8־שעה׳דיגען ארבייטס־טאג.

צוליב דעם, וואס די פאדערונג איז פארגעזעהען אין די ארבייטס־פארשריפטען, היטען די שטרייקענדע, אז עס זאל נישט קומען צו קיין שטרייק־ברעכעריי.

נעכטען איז צווישען די שטרייקענדע און שטרייקברעכער אויף שרודמיעסקא 22, אויסגעבראכען א געשלעג, בעת וועלכען עס זענען פערוואונדעט געווארען: דער 20־יעהריגער משה נארימבערסקי פון מארינארסקא 6, בנימין סאלאמאנטשיק פון זגערזשער 23 און ישעי׳ קרוזשמאן פון זגערזשער 74.

אלע דריי האט פאגאטאוויע ערטיילט הילף און פאליציי זוכט די שולדיגע.

ווי מיר דערוויסען זיך, זענען שוין אונטערגענומען געווארען אונטערהאנדלונגען, כדי דעם שטרייק צו ליקווידירען .

הנחה=פעסער קיין טשעכאסלאוואקיי, עסטרייך, אונגארן, יוגאסלאוויען
ערלעדיגט
Wagons-Lits Cook
Piotrkowska 64, tel. 170-77

זיצונג פון דער סאציאלער הילפס=קאמיסיע ביי דער קהלה

פרעזעס מינצבערג האט צונויפגערופען א זיצונג פון דער קאמיסיע פאר סאציאלער הילף ביי דער קהלה. פאר א טייל פון די ביז איצטיגע ביטעס איז בעשטימט געווארען א סומע פון 1200 זל. וועלכע וועלען אויסגעצאהלט ווערען אין פערלויף פון דער היינטיגער וואך.

קומענדיגע וואך וועט ווידער פארקומען א זיצונג פון דער קאמיסיע, וועלכע וועט ווידער ערלעדיגען א טייל פון די ביטעס.

אפטייקען.

היינטיגע נאכט - דיזשורען

(א) היינט ביינאכט דיזשורירען פאלגענדע אפטייקען:

לייבוביצער (פריהייט־פלאץ 2), הארטמאן (מלינארסקא 1), דאניעלעצקי, (פיעטריקאווער 127), א. פערעלמאן (ציגעל גאס 32), צימער (וואלטשאנסקא 37), וואיטשיצקי (נאפיורקאווסקי 27).

בשפאלטן אין גאס

(א) אויף דער פארקאווע־גאס זענען עטליכע אונבעקאנטע בעפאלען דעם 32־יעהריגען יאן קאוואלסקי פון טאווארא׳ווע 21 און האבען איהם צעשטאכען מיט מעסערס.

ווען קאוואלסקי איז געפאלען, זיך בעגיסענדיג מיט בלוט, זענען די אנפאלער ענטלאפען.

דער פאגאטאוויע דאקטאר האט איהם אין א שווערען צושטאנד אפגעפיהרט אין שפיטאל. פאליציי זוכט די אנפאלער.

א שרפה אין א וואוינונג

(א) אין דער וואוינונג פון אברהם הויזער, שיערפיען־גאס 14, 6. האט צוליב א פעהלער אין קוימען זיך אנגעכאפט דער סופיט און פון סופיט האט זיך אנגעכאפט דאס מעבעל.

די אלארמירטע 2־טע פייערלעשער אפטיילונג, האט די שרפה, נאך א האלבע שעה איינגעלאשען. די שאדענס זענען אומבעדייטענד.

זעלבסטמארד

(א) אין איהר וואוינונג אויף וואוושינאווא 4 האט געפרובט בעגעהען זעלבסטמארד, דורך אויסטרינקען א גרעסערע דאזע עסיג־עסענץ די 42־יעהריגע ארבייטסלאזע יוזעפא דודקעוויטש. דער פאגאטאוויע דאקטאר האט איהר אין א שווערען צושטאנד אפגעפיהרט אין שפיטאל.

די סיבה פון דעם זעלבסטמארד זענען געווען פאמיליען ־ סכסוככים.

א היימיש מחלוקה׳לע

(א) אויף כלאדנע 14, בעת א שכניש מחלוקה, איז פערוואונדעט געווארען מיט א טעמפער כלי, בעקומענדיג וואונדען אין גאנצען קערפער, די 63־יעהריגע אניעלא לאפיוש פון דזשארסקע 22.

פאגאטאוויע האט איהר ערטיילט הילף.

אונטערגעווארפען א קינד

(א) אויף זשימנע 40, האט אנ׳אומבעקאנטע גרוי אונטערגעווארפען א יונגעלע פון אנ׳ערך 3 וואכען און איז פערשוואונדען געווארען.

דאס קינד איז איבערגעפיהרט געווארען אין שטאטישען ערצי־הונגס־אנשטאלט.

זיך פערסם׳ט מיט אלט פלייש

(א) אויף בראצקע 21, האבען, נאך אויפעסען נישט פריש פלייש, זיך פערסם׳ט דער 32־יעהריגער קאזימיעזש בערשטאוויטש און זיין ווייב, די 26־יעהריגע יאנינא און זייערע 2 קינדער.

דער ארויסגערופענער פאגאטאוויע־דאקטאר האט זיי ערטיילט הילף.

Dr.
Wołkowyski
האט זיך איבערגעצויגען אויף
ציגעל=גאס 11, טעל. 238=02
נעמט אן אין הויט- און ווענערישע
קראנקהייטען, מענער=שוועכע
פון 8—11 בייטאג און פון 4—9 אוונער

גרויסע פעראינטערעסירונג מיט׳ן אויספלוג קיין ווילנע

וועלכען עס ארדענט איין די היגע געזעלשאפט „פריינד פון ייווא“

ווי ס׳איז געווען פאראויסצוזעהן, האט דער אויספלוג קיין ווילנע, אין דער צייט פון 14—19 אויגוסט, וועלכען עס ארדענט איין די היגע געזעלשאפט „פריינד פון ייווא“, ארויסגערופען דעם פערשטענדליכען אינטערעס, צווישען דער היגער יודישער אינטעליגענץ.

פון דעם יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט האט מען לעצטענס אין אונזער שטאט, א דאנק דער נישט=לאנג אדורכגעפיהרטער אקציע, אזוי פיל געהערט, אז עס איז קיין חדוש נישט, וואס דער בעוואוסטזיניגער. יודישער אינטעליגענט וויל פערזענליך זעהן און פערזענליך זיך בעטייליגען אין דער שמחה פון דער גאנצער יודישער קולטורעלער וועלט — אין דעם אלוועלטליכען צוזאמענפאהר פון יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט.

כדי צו דערמעגליכען אז א די בעטייליגונג פאר די ברייטסטע מאסען, האט דער וויסענשאפטליכער אינסטיטוט אויסגעפועלט א בעדייטענדע באהן־הנחה, פון וועלכער עס וועלען געניסען נישט בלויז די דעלעגאטען אויפ׳ן צוזאמענפאהר נאר אויך אלע בעטייליגטע אין דער עסקורסיע, וואס עס ארדענט איין די היגע געזעלשאפט „פריינד פון ייווא“.

גענויע אינפארמאציעס און איינשרייבונגען וועלען דערטיילט און אנגענומען ווערען טעגליך, אויסער שבת. אין ביורא פון ה׳ אנגעסאל פרומקין, צעגעלניאנא 19 פון 3—5 נאכמיטאג.

אילוסטרירטע, העברעאישע וואכענשריפט אין תל=אביב

ווי מיר דערוויסען זיך, הויבט בקרוב אין תל־אביב אן צו דערשיינען א וועכענטליך אילוסטרירטע צייטונג אונטערן נאמען „החיים הללו“.

Doktór
Z. Henrykowski
ספעציאל-ארצט פאר וועגערישע הויט-קראנקהייטען און מענער-שוועכע
וואוינט יעצט
9 טראוגוטא 9
טעל: 262-98
נעמט אן פון 8—11 און פון 6—9 אוונט.
פאר פרויען אספעצ. ווארטע-זאל

צו די יודישע לאָקאַטאָרן אין לאָדז!

(אויפרוף)

מיט א יאָהר צוריק איז געגרינדעט געוואָרען אין לאָדז א יודישער לאָקאַטאָרען־פעראיין.

דער געגרינדעטער פעראיין האָט זיך געשטעלט א ציל צו העלפען דעם אָרימען לאָקאַטאָר מיט אַנ׳־אומזיסטע יורידישע עצה, מיט א בילינגן אדוואָקאַט (פאַר 3—5 גילדען). דורך אַנ׳אינטערווענץ ביים ווירט, אָדער ביי די נויטיגע מאכט־אָרגאַנען (געריכט, שידס־אַמט, דירות־אינספּעקציע אז״וו), און אין לעצטען פאַל אויך דורך אויסבאָרגען אָדער אונטערשטיצען מיט א געוויסער געלד־סומע, בכדי ר׳זאָל קאָנען ווייטער בלייבען אין דער דירה אָדער קומען צו אַנ׳אַנדער שטיקעל מקום מנוחה.

און ווירקליך הונדערטער פערצווייפעלטע מענשען האָט שוין דער פעראיין אין אַנ׳עקסמיסיע אָדער אין אַנ׳אַנדערע דירה־נויט אין משך פון זיין קורצער עקזיסטענץ מיט זיינע בעשיידענע כוחות אַרויסגעהאָלפען, ליידער איז אָבער דער דלות צווישען די ברייטע מאסען יודישע לאָקאַטאָרען אזוי שטאַרק, אז דער רוב איז פשוט נישט ביכולת אריינצוטראָגען אפילו אָט דעם דערמאָהנטען קליינעם אָפּצאָהל אויף אַנ׳אַדוואָקאַט און ווער שמועסט נאָך צו דעקען די געגנוג הויכע געריכטס־קאָסטען. עס ווייטאָגט ממש דאָס האַרץ, ווען מ׳זעהט, אז צוליב עטליכע גילדען מוז גאַנץ אָפט אַנ׳אָרימער לאָקאַטאָר רעזיגנירען פון דער פערטיידיגונג אין אַנ׳עקסמיסיע־פּראָצעס אָדער פון דער אקציע אָפּצוהאַלטען דעם אויספיהר פון דער עקמיסיע.

דער פעראיין איז אָבער בשום אופן נישט בכוח צו ערטיילען אַלע פעראָרדענטע עקסמיסיע־בעדראָהטע לאָקאַטאָרען, וועלכע ווענדען זיך צו איהם. די נויטיגע הילף גענצליך אומזיסט כאָטש דערפאַר בלויז אליין, ווייל פון די הונדערטער מיטגלידער, וואָס דער פעראיין ציילט, קאָנען צאָהלען קוים א 5 פּראָצענט דעם חודש׳ליכען בייטראַג (50 גר.).

מיר האָבען זיך ביז איצט צו קיינעמען נאָך נישט געוואָנדען וועגען אונטערשטיצונג. מיט דער גרעסטער מסירות נפש אַרבייטען די פאָר פעראיינס־טוער צוזאמען מיט די אַדוואָקאַטען אין די ראַהמען פון די אייגענע בעגרעניצטע מעגליכקייטען.

אויך דאָס מאָל פערלאַנגען מיר נישט חלילה פון קיינעמען קיין נדבות. מיר אַפּעלירען בלויז צו די שיכטען אַזוי גערופענע בעסער־סיטואירטע לאָקאַטאָרען, וועלכע זענען פאָרלויפיג נאָך אומשטאַנד צו צאָהלען דירה־געלד, אז זיי זאָלען זיך פערשרייבען אלס מיטגלידער פון פעראיין און זיך מתחייב זיין צו צאָהלען דעם נישטיגען חודש׳ליכען בייטראַג. דערמיט ראַטעווען זיי אָפּ הונדערטער משפחות פון דער סכנה צו פערלירען דעם נויטיגסטען מענשליכען גוט — א דאַך איבערן קאָפּ — און גלייכצייטיג טוען זיי זיך אליין אויך אסעקורירען פאַר אַנ׳עווענטועלער עקסמיסיע־צרה.

פאַר דער פערוואַלטונג
י. אינפעלד

דער יונגער געלעהרטער ד״ר א. בזשעזשינסקי אין לאָדז

אויפ׳ן וועג קיין ארץ־ישראל, ווײלט ביי אונז צו גאַסט, דער יונגער געלעהרטער, ד״ר מעד. אהרן בזשעזשינסקי, דער זוהן פונ׳ם היגען ציוניסטישען עסקן, ה׳ א. י. בזשעזשינסקי, וועלכער האָט זיך לעצטענס קונה־שם געווען, מיט זיין גרויס ווערק אין דער פראַנצויזישער שפּראַך „איבער די וואַרימע בעדער אין ארץ־ישראל און בעזונדער די חמי טב״יה״, זיין בוך האָט אַרויסגערופען גרויס אנועהן אין דער וויסענשאַפטליכער וועלט. אזוי דער פּאַריזער מעדיצינישער פאַקולטעט האָט איהם בעשאָנקען, די ערשטע אויסצייכענונג, מיט א גאָלדענעם מעדאַל, זיינע אַנאַליזען־אונטערזוכונגען פון די ארץ־ישראלדיגע הייל־קוואַלען־וואַסערען, געפינען זיך דורך איהם געשטעמפּעלט אין דעם לאַבאָראַטאָריום פון דער פּאַריזער סאָרבאָנע, אלס בעסער ווי קאַרלסבאַדער, קיסינגער א. א. זיינע עקספּערימענטען זענען אויך בעשטעטיגט דורך די גרעסטע פּראָפעסאָרען אויפ׳ן באַלנעאָלאָגישען געביט.

ד״ר בזשעזשינסקי, קומט איצט צוריק פון זיין קורצען בעזוך אין ארץ־ישראל און פאָהרט שוין קירצליך ווידער דאָרט, אום איינגאַנצען דאָרט זיך צו בעזעצען און צו פּראַקטיצירען אין א״י אלס ארצט ווי אויך פאָרטצוזעצען דאָרט אויפ׳ן אָרט זיינע וויכטיגע פאָרשונגען איבער אַלע הייל־קוואַלען אין ארץ־ישראל, וועלכע קענען שפּילען א גרויסע ראָלע אין דער צוקונפט פאַר דער ווירטשאַפט פון ארץ ישראל, איינאָרדענענדיג דאָרט וואַרימע בעדער און הייל־וואַסערען אין מאָדערנעם אייראָפּאָאישען סטיל.

פראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטען האָבען זיך פעראינטערעסירט מיט זיינע אַנאַליזען־פאָרשונגען און זענען גרייט צו פינאַנסירען די אונטערנעהמונג פון פּאָפּולאַריזירען די הייל־קראַפט פון די ארץ־ישראלדיגע וואַסערען, הן דורכ׳ן באָדען און הן דורכ׳ן טרינקען.

Kopiec Józefa Piłsudskiego
Konto w P. K. O. 444.

פון ארץ־ישראל־אמט

ה׳ ז. ווידראָווסקי (23 יאָהר אלט) ווערט געוועט געבעטען זיך צו מעלדען אין ארץ־ישראל־אמט (שרודמיעסקאַ 29) פון 10 ביז 1 פאַרמיטאָג אין זיין אייגענעם אינטערעס. —

דער מייסטער

פון דער ביהנע אָהן בינה

(אויפן ראַנד פון לודוויס זאַץ׳ס גאַסטשפּילען אין לאָדז)

לודוויק זאַץ איז א מייסטער!

דאָס איז, דאַכט זיך, נישט איבערטריבען: אזא איז די איינשטימיגע מיינונג פונם יודישען אקטיאָרען־צעך אויף ביידע זייטען ים.

אזא איז די מיינונג פון זיין גרויסען פּובליקום, וועלכען ער ריהרט ביז געלעכטער און טרעהרען.

אזא איז אויך די מיינונג פון רוב קריטיקער ביז צו דער לעצטער צייט — ובפרט פון די, וואָס ווילען איהם זעהן גערן, אָבער איין תנאי —

נישט אין די פּיעסען וועלכע ער שפּילט.

* * *

דאָ, אין דעם מאָמענט, ווען עס האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון דער פען דאָס וואָרט „פּיעסען״ הויבט זיך אָן דער קאָנפליקט, די מערקווירדיגע סתירה אינם אַזויגערופענעם יודישען טעאַטער, און נאָך בולט׳ער ווערט דער קאָנפליקט — זאַץ און זיין רעפּערטואַר.

וואָרום — איין מאָל פאַר אַלעמאָל מוז עס אין דער גאַנצער האַרבקייט און אונבאַרחמנות׳דיגקייט געזאָגט ווערען — (אזא ביהנע־ערשיינונג ווי לודוויק זאַץ איז מתחייב דערצו!) — וואָרום, אויב לאָמיר זאָגען עס זאָל זיך שאַפען אזא אינסטיטוציע, א וויסענשאַפטליך־פאָרשערישע, אַנ׳אינטערנאַציאָנאַלע, וואָס זאָל מאַכען אינספּעקציעס איבער פערשידענע פאָלקס־טעאַטערס, און אז אזא „פאָרשונגס־קאָמיסיע״ זאָל זיך אויך אָפּשטעלען אויף אונזערע מעכאַניש־יודישער ביהנע־פּראָדוקציע און פערשטיין, וואָס עס ווערט גערעדט — איז גאָר קיין שום ספק נישט, אז מיר וועלען קוואַליפיצירט ווערען אלס־צעהן־ראַנגיגע ראַסע, אלס א פאָלק פון שוטים, קרעטינען, אידיאָטען, צעקראַכענע לעמעשקעס, שלים־שלימזל׳ס, פערשלעפטע קרענק, אָפּגעריסענע נאַראָנים, וואָס ס׳פעהלט זיי א קלעפּקע אין די קעפּ א. ד. גל.

מעג טויזענד מאָל ריכטיג זיין, אז ביהנע־ליטעראַטור איז נישט דאָס זעלבע, וואָס לעקטור; אז די אויסגעהאַקטע „פערטע וואַנד״ פונם צושויער־רוים פאָדערט לחלוטין אַנדערע ליטעראַרישע בעשטאַנד־סובסטאַנצען, ווי די, וואָס זענען בעשטימט צום לייענען אין די פיער ווענד.

אָבער, רבונו דעלמא כולא, פון וואַנען איז עס געדרונגען, אז ביהנע־ליטעראַטור מוז דווקא כעמיש אויסגעוואַשען זיין פון יעדען סימן טאַלאַנט פון יעדען וואונק אויפ׳ן לעבען, פון יעדער אָנצוגעהערעניש אויף לאָגיק, און דישפּראַך איהרע דאַרף צו זיין אַנ׳אוי־ווי־איז־מיר־שפּראַך פון שטרויענע ליאַלקעס וועלכע זענען נאָר אין דעם פאַל גערעכט און בערעכטיגט, ווען איינע פון זיי רופט אויס:

— איך האָב עס אליין געזעהן מיט מיינע אייגענע פּיס!...

וואו, ביי וועלכען פאָלק איז עס געהערט געוואָרען (און מיר זענען דאָך עפּעס קיין בייזע עין־הרע זאָל אונז נישט שאַטען! — חכמים ונבונים!) וואו איז עס געהערט געוואָרען — א שאַפען אָהן פערשטאַנד?!

א מיליאָן מאָל „אינטואיציע״, א מיליאַרד מאָל רוח הקודש, אָבער אָהן דעם פּיצעלע שכל איז דאָך זיך נישט א ריהר צו טון!

און דאָ, אָט האָסטו, נאָר א נאַטור־וואונדער — ביהנע אָהן בינה!

* * *

מילא, חכמה — וויזהייט אויף דער ביהנע איז אַנ׳אוידעלע זאַך. נישט איטליכער איז מיט איהר בעשאָנקען. נישט יעדען איז עס געלונגען צו אריינכאַפּען א רעשטעל שלמה המלכ׳דיגקייט...

אָבער בינה — געוואַלד געשריגען — בינה, פערשטאַנד, פּשוט׳ער עלעמענטאַרער פערשטאַנד פאַר די, וואָס טרעטען אויף אין דער עפענטליכקייט, לפני כל עם ועדה, וואו דער דע לפני מי אתה עומד אָבליגירט — אָהן בינה אויף דער בינע טאָר מען דאָך א שריט נישט מאַכען!

שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס קונסט אין יעדער היגזיכט און פּרט איז קודם כל שיינקייט, און שיינקייט איז וואָהרהאַפטיגקייט — אמת.

שוין אָפּגערעדט, אז אויך טעאַטער, ווי אַלע מיני קינסטלערישע אינסטיטוציעס (און אפשר — מעהר פון אַלע!) בעצוועקט עפּעס, וויל צו עפּעס פיהרען, וויל אין עפּעס איבערצייגען.

אפילו דער ווילדער טעאַטער!

וואָס פאַר א שיינקייט ווייזט אונז, און וואָס לערנט אונז, און צו וואָס פיהרט אונז די שלשול־המוח׳דיגע, קרעטינישע יודיש־אַמעריקאַנישע דראַמאַטורגיע?

* * *

ווען נישט לודוויק זאַץ וואָלטען מיר אפשר אָטאָ־די עוולה לגבי אונז אַלע, אָטאָ די צעיאַטערטע מכה שלא כתובה בתורה — אינגאַנצען נישט בעריהרט.

מילא, וועט דאָס נאָך אביסעל אָנהאַלטען, וועט עס נאָך אביסעל געשוואָלען און געדראָלען ווערען, ביז די מכה וועט אינגאַנצען אויסשטיין, און וועט אליין פון זיך, על פי דרך הטבע, פּלאַצען...

אָבער ווידער און אָבער לודוויק זאַץ;

ביי איהם און אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין אויסגעשפּראָכענער טעאַטראַלישער פּערזענליכקייט איז די עוולה פיל מאָל גרעסער, ווי געוועגליך —

איז די מכה א כפל־שמונה׳דיגע.

וואָרום אין דעם קאָן מען זיך דאָך נישט ספק׳ן:

אין דעם אָרימען זויערמילך־וועג פון די יודיש־אַמעריקאַנישע טעאַטער־שטערען (אזוי גערופענע „סטאַרען״) איז דאָך לודוויג זאַץ אַנ׳עכטער, אַנ׳אמת׳ער סטאַר —

אזא איינער, וואָס שאַפט פאַקטיש א יש מאין פאַר זיין פּרימיטיווען פיל־טויזענדקעפּיגען עולם.

* * *

א סך א דאַנקבאַרע זאַך איז צו מאַכען פון שניי גאָמעלקעס, איידער טעאַטער־פאָרשטעלונג — פון דעם חסר־דעה־מאַטעריאַל, מיט וועלכען עס אָפּערירען בערופענע און אומבערופענע יודישע טעאַטער־אַלכעמיקער.

לודוויק זאַץ, וועלכער איז ביי די פּולע כחות ביים סאַמע פונאַנדערבליה האָפען מיר, וועט סוף כל סוף אין פּעם ווערען... אָוועקשליידערן דעם אויסצו־להכעיס „משה׳ן״ (איך הייס אויך משה...) און וועט איבער־איאָהר אי״ה קומען צו אונז מיט א מענשליכער, פערשטענדליכער ביהנע־שפּראַך אִיי, וואָלט עס געווען א חכמה!

מ. ב.

משומדים

ר. אייזנאַעל

סענסאַצ. שפּאַנענדער ראָמאַן פון היינטיגען יודישען לעבען

(85

דאָס געשפּרעך בעת דער פּויזע אין טעאַטער האָט זיך אַלזא געפיהרט נאָר וועגען סאַבאַן, נאָר וועגען דער קינסטלערין, וועלכע האָט פערכאַפּט לאָנדאָן.

מאַריאַן איז געשטאַנען ווי צומישט, ער האָט נאָך נישט געקענט קומען צו זיך פון דער גרויסער איבעררעאַשונג, וועלכע ער האָט איבערגעלעבט, סטעפאַן האָט איהם נישט געשטערט אין זיינע נאָכטראַכטונגען.

— פאַרוואָס האָט איהר מיר נישט געזאָגט צוליב וואָס איהר פיהרט מיך דאָ אַהער אין טעאַטער אַריין? פאַר וואָס האָט איהר בכלל פערהוילען פון מיר, אַז איהר ווייסט וואו סאַבא געפינט זיך.

— איך האָב געהאַט מיין אויסרעכענונג דער ביי, דער עיקר, אַז איך האָב אייך נישט געטון קיין שלעכטס און האָב מיין הבטחה, אויסצוגעפינען סאַבאַן, אין הונדערט פּראָצענט ערפילט.

— אָבער וואָס זאָל איך איצט טון? האָט מאַריאַן געפרעגט ווי אַנ׳אומבעהאָלפען קינד.

— דאָס איז אייער זאַך, איהר דאַרפט האַנדלען אַזוי ווי אייער שכל דיקטירט אייך און איבריגענס אַזוי ווי אַ מאַן דאַרף אין אַזעלכע פאַלען האַנדלען:

זאָגענדיג דאָס האָט סטעפאַן אַליין געזוכט אַנ׳עצה פאַר זיך, אין איהם האָבען געקעמפט עטליכע געפיהלען מיטאַמאָל, איין געפיהל האָט איהם אונטערגעזאָגט, אַז ער מוז זיך האַלטען אין זיין אנגענומענעם בעשלוס, איבערצורייסען מיט אידאַן פון דער צווייטער זייט איז ער געווען שטאַרק אייפערזיכטיג. דיקא אין איצטיגען מאָמענט ווען אידא איז געוואָרען מיט רעכט אָדער נישט אַזאַ גרויסע ערזענליכקייט.

— צי קען מען נישט אַריינגעהען הינטער די קוליסען צו סאַבאַן?

— פרעגט איהר דאָס מיך, דאַרף איך וועגען דעם וויסען.

מאַריאַן האָט זיך אַזוי ווי פון שלאָף אויפגעוועקט, נישט זאָגענדיג קיין וואָרט, איז מאַריאַן אַוועק פון סטעפאַנען. ער איז טאַקע אַוועק אין דער ריכטונג פון די קוליסען און זיך געווענדעט צו איינעם פון די טעאַטער־דינער, וועלכער איז געשטאַנען ביים אַריינגעהען הינטער דער ביהנע.

— איך וואָלט געוואָלט זיך זעהען מיט מיס סאַבא? קענט איהר מיך אָנמעלדען.

— וועל, גוט, מיסטער, וועמען זאָל איך אָנמעלדען.

— זאָגט מיס סאַבא, אַז איהר לאַנדסמאַן וויל זיך מיט איהר זעהען, זאָגט, אַז איך בין געקומען פון פּוילען.

דער דינער איז אַוועק און האָט דאָס איבערגעגעבען סאַבאַן.

— איך פערשטעה נישט וואָס איהר רעדט צו מיר, האָט זי געזאָגט, איך פערשטעה נישט קיין ענגליש, דער דינער האָט ווידער נישט פערשטאַנען וואָס סאַבאַ האָט צו איהם גערעדט און מ׳האָט געמוזט אָנקומען ערשט צו אידאַן, וועלכע האָט זיך זיכער געקענט פערשטענדיגען, קענענדיג די דייטשע שפּראַך.

— ווער איז דאָס? האָט סאַבא געפרעגט אַ דערשראָקענע אָנכאַפּענדיג אידאַן ביי דער האַנד, וועלכער לאַנדסמאַן זוכט דאָס מיך? איך האָב עפּעס אַזוי שטאַרק מורא.

— וואָס איז די מורא, האָט אידא נישט געקענט פערשטעהען, געוויס ווילט איצט אין לאַנדאָן דיינס אַ בעקאַנטער, וועלכער האָט זיך דערוואוסט וועגען דיינע אויפטריטען און ער וויל זיך טרעפען מיט דיר.

— ניין, אידא, ס׳איז נישט אַזוי, מיין האַרץ זאָגט מיר עפּעס אַנדערש...

— ווילסט זיך זעהען מיט דעם דאָזיגען מענשען

— ניין, ניין, איך וויל זיך איצט מיט קיינעם נישט זעהען, זאָל ער קומען צו אונז אַהיים און קודם כל זאָל ער זאָגען ווער ער איז.

— געהט זאָגט דעם מיסטער וואָס וואַרט דרויסען, אַז איצט קען איהם פריילין סאַבא, ליידער נישט אויפנעהמען, ווייל זי איז פערנומען מיט צוגרייטען זיך צום נומער אין דער צווייטער אָפּטיילונג פון פּראָגראַם, אויב דער מיסטער וויל זאָל ער קומען צו מיס סאַבא אין האָטעל.

— ווערי־אועל, זעהר גוט, איך וועל דאָס איבערגעבען.

דער דינער איז אַרויס און איבערגעגעבען סאַבאַ ענטפער מאַריאַנען, וועלכער האָט זיך נישט געקענט מעהר דערוואַרטען אויפ׳ן מאָמענט ווען ער וועט שטעהען פאַר סאַבאַן.

— ניין, ניין, געהט נאָכאַמאָל, איך בעט אייך, און זאָגט דער פריילין סאַבא, אַז דאָ וואַרט מאַריאַן בזשוסקא פון לאָדז און וויל זיך מיט איהר תיכף זעהען.

דער דינער האָט געצויגען מיט די פּלייצעס און איז אַריין צו סאַבאַן, ער האָט ווידער דורך דער פערמיטלונג פון אידאַן איבערגעגעבען וואָס מאַריאַן האָט געהייסען.

ווען סאַבא האָט דערהערט דעם נאָמען מאַריאַן בזשוסקא איז זי בלייך געוואָרען.

— ער איז אַהערגעקומען, אַ, איך נאַר, נאָך וואָס האָב איך איהם געשריבען אַ בריף פון לאָנדאָן. אידא האָט אויך געוואוסט ווער מאַריאַן איז, סאַבא האָט פאַר איהר נישט געהאַט קיין שום סודות און האָט זיך פאַר איהר אַראָפּגערעדט אַלץ וואָס זי האָט געהאַט אויפ׳ן האַרצען, איבריגענס פּונקט אַזוי ווי אידא האָט דאָס געטון בנוגע סאַבאַן, אויך זי האָט דערצעהלט איהר גאַנץ לעבען מיט אַלע פּרטים.

אין דער צייט וואָס דער טעאַטער־דינער האָט געוואַרט אויף אַנ׳ענטפער פון סאַבאַן פאַר מאַריאַנען האָט זיך אין גאַרדעראָב געמאָלדען נאָך איינער פון דער דינערשאַפט.

— וואָס האָט איהר געוואָלט האָט איהם אידא געפרעגט אויף אַ געבראָכענעם ענגליש.

— אַ מיסטער וויל מיט אייך רעדען, ווייל זיך מיט אייך זעהען.

— מיט וועמען, האָט אידא איבערגעפרעגט, נישט פערשטעהענדיג אויף וועמען דאָס בעציהט זיך

— מיט דער מיסיס אידאַ, אַזוי האָט ער געזאָגט.

— מיט מיר? מיט מיר? האָט זיך אידא שטאַרק געוואונדערט, ווער איז ער דאָס?

— דאָס האָט דער מיסטער נישט געזאָגט, ס׳איז אָבער קלאָר, אַז דער מיסטער איז אַנ׳אויסלענדער, ווייל ער קען נישט קיין איין וואָרט ענגליש.

אידא האָט זיך אַזש אַ וואַקעל געטון.

— דאָס איז סטעפאַן, האָט זי געזאָגט צו סאַבאַן, נישט קיין אַנדערער, צי האָבען זיי זיך ביידע אָפּגעשמועסט אַהער צו קומען? דאָס איז דאָך...

— נעהם נישט דאָ אויף, אידא, הייס איהם אויך קומען אַהיים.

— איך וויל זיך אינגאַנצען נישט זעהען מיט איהם, אויב דאָס איז ווירקליך סטעפאַן קאַרטשינסקי, איך האָב מיט איהם נישט קיין שום געמיינזאַמעס, איך וויל איהם בכלל נישט זעהען.

— דאָס וועסט דו צייט האָבען צו טון אינדערהיים, יעדענפאַלס מוזט דו אָנגעהמען צייט אויף צו בעטראַכטען דעם ענין, הייס איהם אויך קומען צו אונז אַהיים.

אידא איז ביי זיך איצט געווען פעסט, מיט׳ן מאָמענט ווען זי האָט דערפיהלט סאַבאַס אויפריכטיגע פריינדשאַפט און אַ באַדען אונטער די פיס, האָט זיך צו איהר צוריקגעקעהרט איהר פעסטער און ענערגישער כאַראַקטער.

— ניין, האָט זי זיך געטראַכט, קיינמאָל נישט, קיינמאָל מעהר אין לעבען וועל איך זיך צו איהם נישט אומקעהרען.

און ווענדענדיג זיך צו ביידע טעאַטער־דינער האָט זי געזאָגט.

— זאָגט די ביידע הערען, אַז דאָ וועלען זיי דורך אונז נישט אויפגענומען ווערען, ווער זיי זאָלען נאָר נישט זיין. די דירעקציע ערלויבט דאָס נישט און די קינסטלערין האָט איצט נישט קיין צייט דערויף, אויב די הערען ווילען גיט זיי איבער וואו מיר וואוינען אין האָטעל.

די דינער זענען אַרויס יעדער אין זיין ריכטונג און וואָס די מיסטערס האָבען געהערט, סיי מאַריאַן און סיי סטעפאַן האָבען בעקומען דעמזעלבען ענטפער, נישט וויסענדיג איינער פון אַנדערען, יעדער פון זיי האָט אויפגענומען דעם ענטפער אַזוי, ווי ס׳וואָלט נישט געווען צו גלויבען, אַז זיי ווילען זיך נישט זעהען מיט די, וועלכע ווילען אַריינקומען צו זיי, מיט געוואַלד האָט מען זיך אָבער נישט געקענט אַריינרייסען און סיי מאַריאַן און סיי סטעפאַן זענען אַוועק פון די טירען, ביי וועלכע זיי זענען געשטאַנען צוריק אין טעאַטער־זאַל, ווייל די פאָרשטעלונג האָט זיך ווידער באַלד געדאַרפט אָנצוהויבען.

(פאָרטזעצונג קומט)

ספּאָרט-בעוועגונג

צי איז עס אמת

און צי וועט עס אזוי בלייבען?

כ'האָב אַדורכגעלייענט אין די פּוילישע ספּאָרט בלעטער פאָלגענדע נאָטיץ:

דעם 25-טען ד. ח. קומט פאָר אַנ'אַלפּויליי-שער שטערן-צוזאַמענפאָהר פון ציקליסטען קיין לאָדז. דער צוזאַמענפאָהר ווערט אָרגאַניזירט דורך דער לאָדזער בר-כוכבא, דער צוזאַמענפאָהר וועט האָבען אַ ברייטען פערנעהם, בעזונדערס דערפאַר, ווייל דעם 25 ד .ח. וועט אין לאָדז פערענדיגט ווערען דער ערשטער עטאַפּ פון עמאַציאָנעלען ציקליסטען-וועט-לויף וואַרשאָ — בערלין."

איך לייען די נאָטיץ איינמאָל און נאָכאַמאָל און שטוין קודם-כל וויל איך פערדייהען גענוי וואָס אין דער נאָטיץ ווערט געזאָגט. איינציגווייז פלאָנ טער איך זיך אַרויס דערפון. אין דער נאָטיץ ווערט געזאָגט פאָלגענדעס, דעם 24 אויגוסט הויבט זיך אָן אַ ציקליסטען-וועט-לויף צווישען די פּוילישע אין דייטשע (האַקענקרייצלער) ציקליסטען אויף דער טראַסע וואַרשאָ—בערלין, די טראַסע געהט איבער לאָדז. כדי אויפצונעהמען ווי געהעריג אונזערע „ליבהאַרציגע" דייטשע געסט, וועלכע וועלען פער-ענדיגען דעם ערשטען עטאַפּ אין לאָדז, האָט דער פּוילישער ציקליסטען-פערבאַנד בעאויפטראַגט איינ-צואָרדענען אין דעם טאָג אַנ'אַלפּוילישען ציקליסטען צוזאַמענפאָהר קיין לאָדז, אַזאַ צוזאַמענפאָהר וואָלט ווירדיג בעגריסט די דייטשע ציקליסטען, וועלכע יועלען מיט האַקען-קרייצען אויפ'ן אָרים און אויף זייערע ראָווערען אַדורכפאָהרען דורך לאָדז.

אוי, ווען איך האָב זיך שוין קלאָהר געמאַכט וועגען וואָס פאַראַ אימפּרעזע עס האַנדעלט זיך, האָב איך ערשט אויפסניי געשטוינט, ס'האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז דער נאָמען בר-כוכבא איז דאָ דורך אַ טעות אַריינגעפאַלען. ווייל ווי קאָן דאָס זיין אַנדערש ,איך קען דאָך זיך נישט פאַר-שטעלען ,אַז דער נאַציאָנאַלער יודישער ספּאָרט-פעראיין זאָל אָרגאַניזירען אַנ'אימפּרעזע ווי גרויס זי זאָל נישט זיין און וויפיל פּרעסטיזש זי זאָל דעם פעראיין ברענגען) דיקא אין דעם טאָג ווען מען דאַרף בעגריסען די היטלערישע ספּאָרט העלדען. ס'קריכט מיר גאָרנישט אין קאָפּ אַריין אַזאַ געדאַנק אז בר-כוכבא וועט זיין דער פעראיין, וועלכער וועט זיין דער בעל-הבית פון דער אימפּרעזע און אויסאַרבייטען דעם פּראָגראַם פון מקבל-פּנים זיין אונזערע בלוט-שונאים, די וועלכע טרע-טען מיט די פיס אונזער נאַציאָנאַלען און מענשלי-כען כבוד.

אונזער שטעלונג צו אַלע ספּאָרט-פערמעס-טונגען מיט די „ראַסיסטישע" ספּאָרטלער איז גע-נוג בעקאַנט, מיר טרעטען אַרויס אַלס ענטשידענע געגנער פון אַלערליי פערמעסטונגען מיט די נאַ-צישע ספּאָרטלער, מיר האַלטען זיך אָפּ פון צו זיין אפילו פּאַסיווע צושויער ביי די דאָזיגע פער-מעסטונגען ביז אונזערע רעכט און כבוד אין נאַצי-דייטשלאַנד וועט נישט צוריקגעשטעלט ווע-רען, ווער שמועסט נאָך וועגען דעם, אַז אַ יודי-שער קלוב זאָל אָרגאַניזירען אַ קבלת פּנים פאַר די היטלעריסטען, וועלכע האָבען ערשט נישט לאַנג בעשלאָסען נישט צוצולאָזען קיין יוד אַפילו צו דער אָלימפּיאַדע פון 1936 .

די גאַנצע ספּאָרט - וועלט איז אויפגעקאָכט צוליב דער ראַסיסטיש-נידערטרעכטיגע העצע און פערפאָלגונגען געגען יודען. אמעריקא און בעלג-גיען האָט זיך שוין צוליב דעם אָפּגעזאָגט אַנטייל-צונעהמען אין דער אָלימפּיאַדע, אין האָלאַנד, טשעכיען, פראַנקרייך און שפּאַניען ווערט געפיהרט אַ מאַסען-קאָמפּאַניע געגען אַנטיילנעהמען אין דער אָלימפּיאַדע — זאָל אַנ'אַלטער אויסגעפּרובטער יו-דיש-נאַציאָנאַלער ספּאָרט-פעראיין אָנגעהמען דעם צווייפעלהאַפטען כבוד צו אָרגאַניזירען אַנ'אַלפּוי-לישען ציקליסטען-צוזאַמענפאָהר קיין לאָדז אין דעם טאָג ווען מ'וועט קענען בעגריסען די דורכפאָהרענדע ראַסען-שווינדלער.

— ניין ,בשום אופן וועלען מיר אין דעם נישט גלויבען, ווען מיר זעהען דאָס אפילו שוואַרץ אויף ווייס געשריבען און געחתמעט.

דער פּוילישער ציקליסטען-פערבאַנד האָט נישט דערפיהלט די סובטעלקייט פון דעם ענין — דאָס קענען מיר זיך פאָרשטעלען אָבער...

מיר וועלען דערווייל זיך נישט לענגער אָפּ-שטעלען אויף דעם דאָזיגען ענין ביז מיר וועלען בעקומען אַנ'אויטאָריטאַטיווע ערקלעהרונג פון דער בר-כוכבא פערוואַלטונג, מיר ווילען גלויבען, אַז מיר האָבען דאָ צו טון מיט אַ טראַגישען מיס-פערשטענדניש ,מיר ווייסען דאָך, אַז צווישען דעם פּ-עזידיום און פערוואַלטונג פון בר-כוכבא געפי-נען זיך אויסגעפּרובטע ספּאָרט-טוער און נאַציאָ-נאַלע געזעלשאַפטליכע יודען, זיי ווייסען זיכער נישט דערפון ,און אויב די אימפּרעזע איז שוין ווייט אַנגאַזשירט מוז מען זי אויך אָפּרופען, נישט קוקענדיג אויף די ערגסטע קאָנסעקווענצען.

אַנ'ענטפער פון בר-כוכבא איז אונבעדינגט נויטיג, און דאָס וואָס גיכער, די יודישע ספּאָרט-לער זענען בעאונרוהיגט.

S.

שאַפט זומער-לאַגערן פאַר דער יוגענד

א וויכטיגע אויפגאבע, וואס מוז דערפיהרט ווערען

אַנ'אָנגעזעהען אָרט אין דער אַרבייט פון די יודישע ספּאָרט-פעראיינען דאַרף פערנעהמען די ספּאָרט - לאַגערען פאַר יוגענד. די דאָזיגע אידעע איז שוין בכלל נישט קיין יונגע. אַנדערע פעלקער האָבען שוין הינטער זיך לאַנגע יאָהרען פון טעטיג קייט אויף דעם געביט און האָבען צו פערצייכענען גרויסע ערפאָלגען אין זייער אַרבייט.

אונזערע ספּאָרט-פעראיינען, האָבען לאַנגע יאָהרען נישט געלייגט קיין שום אַכט אויף דעם וויכטיגען אָפּשניט. אויב עס זענען ערגעץ וואו פאָרגעקומען לאַגערן ,זענען זיי געוועזען לרוב סקוי-טישע און האָבען נישט אַרומגענומען קיין מאַסען-כאַראַקטער. ספּעציעל די יוגענד, וועלכע האָט זיך גרופּירט אַזוי צאָהלרייך אין די ספּאָרט-פער-איינען, איז אויסגעמיטען געוואָרען פון דעם וויכ-טיגען געביט.

לעצטענס האָט זיך אין דער הינזיכט עפּעס אָנגעהויבען צו טון, אָבער ס'איז נאָך ווייט נישט דערגאַנגען צו דעם מינימום נויטיגקייט און מעגליכ-קייט, וועלכע עס דאַרף אויסגענוצט ווערען פאַר אונזער יוגענד. קודם כל נויטיגט זיך נאָך די דאָ-זיגע אידעע אין אַ שטאַרקער פּראָפּאַגאַנדע. עס דאַרף קלאָהר ווערען פאַר יעדען יוגענדליכען די וויכטיגקייט פון די זומער-לאַגערן. אין דער פּראָ-גאַנדע-אַרבייט דאַרפען אַריינגעצויגען ווערן גרויסע מאַסען פון אונזער יוגענד.

ווייל קיינער ,ווי די יודישע יוגענד, איז נישט אַזוי שטאַרק פעראינטערעסירט אין די דאָזיגע לאַ-גערן. די ספּעציפישע עקאָנאָמישע בעדינגונגען, פון די יודישע מאַסען, שאַפען אַ פיזיש-צוריקגע-שטאַנענעם מענש. נישט ביי איין יוד. יונגעמאַן איז דאָס אַרויסרייסען זיך פון דער פעררויכערטער שטאָט און אַנזאַפּען זיך מיט דער לופט פון בוימער און פעלדער אַ אונמעגליכקייט. די וואוינונגס און היגיענישע בעדינגונגען ביים רוב פון אונזער יו-גענד אין דער גרויסער שטאָט, זענען אָפּט מאָל שרעקליכע. איז דעריבער א דרינגענדע אויפגאַבע פון אונזערע ספּאָרט-פעראיינען, וועלכע האָבען גע נומען אויף זיך די זאָרג פון איבערצואַנדערשען דעם אונטערוואַקסענדען דור אין אַ געזונטען און פרייען מענשען, זיך ערנסט צו פערנעהמען מיט דעם אפשר ביים היינטיגען טאָג וויכטיגסטען צווייג.

מיר זענען עדות, ווי די יודישע ספּאָרט-פער-איינען, זענען אַריין אין אַ טעמפּען ווינקעל און קאָנען צוליב אַ סך סבות נישט דערפילען זייערע אויפגאַבען. די יוגענד רוקט זיך כסדר אָפּ פון דער יודישער ספּאָרט-בעוועגונג און עס ווערט פערלוירען דער כאַראַקטער פון די אינסטיטוציעס. דאַרף דעריבער מיט דער גרעסטער זאָרגפעלטיגקייט אויסגענוצט ווערען די מעגליכקייט צו קומען צו דער יודישער יוגענד, דורכ'ן שאַפען פאַר זיי זו-מער-לאַגערן, דערביי וועלען די יודישע ספּאָרט-פעראיינען דערגרייכען אַ דאָפּעלט געווינס. קודם כל וועט דער יוגענד געגעבען ווערען מעגליכקייטען אין ברייטסטען פערנעהם פון פיזישער און ערצי-הערישער ענטוויקלונג און צווייטענס, וועט עס זיין אַ שטאַרקע אַגיטאַציע פאַר דער יודישער ספּאָרט-בעוועגונג.

פערשטעהט זיך ,אַז ס'מוז געזאָרגט ווערען אַז אויף אַ זומער-לאַגער זאָלען די אָנטיילנעהמער אין אַ גרויסער מאָס געניסען פון די מעגליכקייטען, וואָס עס גיט דער וואַלד, פעלד און וואַסער. עס דאַרף געשטאַרקט ווערען דער אינטערעס און אויס-גענוצט ווערען די פולסטע מעגליכקייט פון טוריס-טיק. דערביי מוז געפיהרט ווערען אַ געוויסע קול-טור-אַרבייט, צוגעפּאַסט צו די בעדינגונגען פון אַ לאַגער.

די קולטור-אַרבייט פון אונזערע ספּאָרט-פער-איינען איז אַ זעהר אָנגעווייטאָגטע פראַגע. נישט איינמאָל האָבען שוין אונזערע ספּאָרט-טוער צוליב דעם געהערט ביטערע ווערטער. אויף לאַגערן, קאָן די פראַגע פולשטענדיג געלעזט ווערען. עס דאַרף אויסגענוצט ווערען יעדעס געשעהעניש אויף אַ לאַגער פאַר אַדורכפיהרען א מיינונגס-אויסטויש צווישען די לאַגעריסטען. מ'קאָן איינאַרדענען שמו-עסען וועגען אַנ'אויספלוג, וועלכער דאַרף פאָר-קומען, דער אופן פון אָרגאַניזירען איהם און שפּעטער זיך טיילען מיט די איינדרוקען פון פאָרגע קומענעם אויספלוג. אַ וויכטיגע ראָל שפּילט אויף אַ לאַגער א וואַנד-צייטונג, וועלכע עס פיהלען אויס די לאַגעריסטען. צו אַזאַ אַרבייט איז לייכט צוצו-ציהען אַלע לאַגעריסטען. עס קומט אָפּט פאָר אַ געיעג און דערביי ווערט געפיהרט אַ וויכטיגע קול טור-אַרבייט צווישען דער יוגענד, וואָס וועט שפּע-טער זיכער האָבען אַ שטאַרקע ווירקונג אין דער ווייטערער אַרבייט אויפ'ן ספּאָרט-געביט.

דאָס וואָס עס קאָן נישט דערגרייכט ווערען דורך יאָהרען אַרבייט אין די ספּאָרט-פעראיינען אין מעגליך דיקא דורך זומער - לאַגערן. די יודישע ספּאָרט-טוער דאַרפען מאַסענווייז אַרויסשלעפּען די יוגענד פון שטאָט — אויפ'ן דאָרף, צוגעוואוינען צו אַ קאָלעקטיוו און זעלבסטשטענדיג לעבען. עס מוז פאַר דער יוגענד קלאָר ווערען אַז אַנ'אורלויב-צייט דאַרף מען פערברענגען נאָר צווישען אַ קאָלעקטיוו אין אַ געהעריגער סביבה און דערביי אויסנוצען זיך אַלזייטיג צו ענטוויקלען דעם קערפּער און גייסט. די יודישע יוגענד האָט דערצו ווע-ניג מעגליכקייטען, דאַרף דעריבער געזאָרגט ווע-רען, אַז אַ געלעגענהייט טאָר נישט פערלוירען געהען.

עס איז היינט די דרינגענדע אויפגאַבע פון די ספּאָרט-טוער. און וועגען דעם טאָרען זיי נישט פערגעסען.

C.

געגען דער בערלינער אלימפּיאדע

אומעטום פּראָטעסטירט מען געגען אנטיילנעהמען אין דער אלימפיאדע פון נאצי-לאנד

דער אָנזאָג פון אַמעריקאַנער אָלימפּישען קאָ-מיטעט. אַז ער וועט נישט אַנטיילנעמען אין דער בערלינער אָלימפּ. אַ"ע, האָט אַרויסגערופען אַ בע-אונרוהיגונג אין נאַצי-לאַנד.

דאָס „רייכס-ספּאָרטבלאַט" שרייבט: געהיימ-נישפולע כוחות זענען טעטיג אין אַמעריקאַ געגען דער אָלימפּיאַדע. זיי מאַסקירען זיך אַלס קאָמפּס-אָרגאַניזאַציע צו שיצען די רעכט פון מענש — אין דער אמת'ן איז דאָס אָבער אַ יודישע אונטער-נעהמונג געגען דעם נייעם דייטשלאַנד. זיי האָ-בען זייערע מענשען אין דער פּרעסע און אין ראַ-דיאָ און האָבען אַרומגענומען מיט זייער נעץ דאָס גאַנצע לאַנד. איצט שפּעקולירען זיי דערויף, אַז זיי קענען אונמעגליך מאַכען דעם אַמעריקאַנער אָלימפּישען קאָמיטעטצו בעקומען די נויטיגע מיטלען אויף דער רייזע צו דער אָלימפּיאַדע אין בערלין. נאָך קיינמאָל האָט דער איינאָרדנער פון דער אָלימ-פּיאַדע נישט געהאַט צו קעמפען מיט אַזעלכע שווע-ריגקייטען ווי מיר מיט דעם אַמעריקאַנער ביישפּיל.

די זעלבע פיינדליכע שטראָמען זענען אויך טעטיג אין אַנ'אַנדער לאַנד.

דער ניו-יאָרקער „טיימס" שרייבט: די וועלט האָט נאָכאַמאָל בעקומען דעם בייגעשמאַק פון דער היטלערישער מענטאַליטעט און זייערע מעטאָדען. זיי וועלען אָבער אויך איצט פּרובען צו פלאַפּלען וועגען דעם, אַז בערלין איז דאָס ענטשפּרעכענדסטע אָרט פאַר דער אָלימפּיאַדע.

די אַמסטערדאַמער „האַאַגישע פּאָסט" שרייבט אין אַ גרויסען אַרטיקעל: צי קען מען נאָך באמת פערטיידיגען דעם פּרינציפּ, אַז די אָלימפּיאַדע דאַרף פאָרקומען אין אַ לאַנד, וועלכעס ווערט אָנגעזאַפּט מיט שטרייכער'ס גייסט.

די ט שעכאָסלאָוואַקישע צייטונג „אצעט פּאַנ-דעלניק" ווענדעט זיך צו די טשעכישע ספּאָרט - פעראיינען, אַז זיי זאָלען נישט אַנטיילנעהמען אין דער בערלינער ,אָלימפּיאַדע מיט דער בעגרינדונג, אַז ס'פּאַסט נישט, אַז דער טשעכישער דעמאָקראַ-טישער „סאָקול" זאָל דעפילירען פאַר די אָנפיהרער פון דעם רעאַקציאָנערסטען רעזשים אין אייראָפּאַ.

אין גאַנץ שפּאַניען איז פערשפּרייט געוואָרען אַ פלוג-בלאַט, אַז די 400 טויזענד פּעזעס, וואָס די שפּאַנישע רעגירונג האָט געגעבען אויפ'ן אָלימפּי שען פאָנד זאָל פערברויכט ווערען אויף צו בויען ספּאָרט-פּלעצער און נישט צו פאָהרען אויף דער איצטיגער בערלינער אָלימפּיאַדע.. דאָס פלוג-בלאַט איז אונטערגעשריבען פון 20 בעקאַנטע שרייבער, געלערנטע א. א.

דער אַרב. ספּאָרט-קלוב שטערן אין אַ נייעם לאָקאַל

די לעצטע צייט ענטוויקעלט זיך דער אַרב. ספּאָרט קלוב „שטערן" מיט זעהר אַ שנעלען טעמפּאָ.

די פערוואַלטונג צוזאַמען מיט די מיטגלידער-שאַפטען האָבען געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען און געשאַפען געלד-מיטלען, וועלכע האָבען דער-מעגליכט צו דינגען זעהר אַ פּאַסיגען לאָקאַל, וועל-כער איז איינגעאָרדענט לויט די היגיענישע כללים פאַר אַ ספּאָרט - געזעלשאַפט, און געפינט זיך אויף פּעטריקאָווער 61.

שבת דעם 10-טען אויגוסט קומט פאָר די פייער ליכע ערעפנונג פון לאָקאַל, אין וועלכע עס וועלען זיך בעטייליגען די פאָרשטעהער פון דער „שטערן"-צענטראַלע די ח"ה יצחק לעוו און טיטעלמאַן און ד"ר גערשוני אַלס פאָרשטעהער פון דער געז. „פריינד פון אַרב. פּאַלעסטינע".

פּרל. וואַלאַשעוויטש טרעט אַריין אין „וואַרשאַוויאַנקאַ"

די בעריהמטע לייכטאַטלעטין פּרל. וואַלאַשע-וויטש האָט זיך אַריבערגעצויגען קיין וואַרשאַ און פערשטאַרקט די לייכטאַטלעטישע סעקציע פון „וואַרשאַוויאַנקאַ".

דער טורנעע פון די „ווילדע קלובען"

אין טורנעע פון די „ווילדע" פוסבאָל-קלובען וועלכער איז אָרגאַניזירט געוואָרען דורכ'ן ל. ק. ס. האָט געהאַט גרויס ערפאָלג. ס'האָבען אַנטיילגע-נומען 30 קלובען, צווישען זיי פאָלגענדע יודישע קלובען: „הגיבור", „פּזשעפּוי", יודישער ספּאָרט-קלוב „לאָדז", „קדימה", „בית"ר" „הפועל" יודי-שער שילער קלוב און אַנדערע.

די שבתדיגע פערמעסטונגען האָבען געגעבען פאָלגענדע רעזולטאַטען:

זשעמיעשלניק -- קריסטליכער ספּאָרט פעראיין 1:4
אַרקאָן — ספּאַרטאַ 1:6

די נעכטיגע רעזולטאַטען זענען געווען פאָלגענדע:

ראַפּיד — פּאָלאָניאַ 1:3
יעדנאָשטש — ס. מ. פּ. 0:5
קולטור-קרייז -- קאַטוויצאַ 0:4

שאַסיי-מייסטערשאַפט פאַר יודישע ציקליסטען

אָרגאַניזירט דורכן לאָדזער מכבי-קרייז-פערבאַנד

די עקזעקוטיווע פון לאָדזער קרייז-פערבאַנד „מכבי" האָט איבערגעגעבען דעם לאָדזער „בר-כוכבא" צו אָרגאַניזירען דעם 15 אויגוסט די שאָסיי-מייסטערשאַפטען פאַר ציקליסטען אויף אַ שטח פון 100 קילאָמעטער.

דער וועט-לויף וועט פאָרקומען אויפ'ן שטח פּאַביאַניץ, לאַסק, וואָדלעוו, קאַמאַצקאַ, וואָ-לאַ און צוריק.

ס'וועלען פאָרקומען פאָלגענדע וועטט-לויפען:

1) 100 קילאָמעטער וועגען דער מייסטערשאַפט פון לאָדזער „מכבי"-קרייז.

2) 25 קילאָמעטער לויף צוגענגליך פאַר יודי-שע אָרגאַניזירטע און נישט-אָרגאַניזירטע ציקליסטען וועלכע האָבען נאָך ביז איצט נישט בעקומען קיין שום פּרייז.

איינשרייב-געלד צום 100-קילאָמעטער-לויף קאָסט 2 זל. און מעלדען קען מען זיך ביז דעם 8 אויגוסט. צום 25-קילאָמעטער-לויף קאָסט איינ-שרייב-געלד 1 זל. און אָנמעלדען קאָן מען זיך ביז'ן 12 אויגוסט.

נייער יודישער שווים-טאַלענט אין פּוילען

אויף די פּוילישע שווים-מייסטערשאַפטען, יועל כע קומען פאָר אין וואַרשאָ, איז די סענסאַציע פון טאָג דאָס 12 יעהריגע יודישע מיידעל דאַווי-דאָוויטש, וועלכע האָט אין 100-מעטער לויף בע-זיגט די ביז-איצטיגע פּוילישע מייסטערין מאַראַוו סקאַ.

גרויסער פוסבאל-טורניר אין לאדז

מיט'ן אנטייל פון 8 קלובען

דעם 10 אויגוסט הויבט זיך אָן אין לאָדז אַ גרויסער פוסבאַל-טורניר פון לאָדזער קלובען. אין טורניר נעהמען אַנטייל: וו.ק.ס., י.ק.פּ., מכבי טור. ל.ט.ס.ג., ס.ק.ס., הכח און ווימאַ.

ליגע - מעטשען אין לאַנד

וואַרשאַוויאַנקאַ — גאַרבאַרניאַ 0:1 (0:1)
רוך — שלאָנסק 2:4 (1:2)
וואַרטאַ — ווינסלאַ 2:3 (0:2)
פּאָגאָן — פּאָלאָניאַ 2:4 (0:0)

מעטשען וועגען אַריינגעהן אין דער ליגע

שמיגלי (ווילנא) — קאַטוויצאַ 1:2
אוניאָן-טורינג — סקאָדראַ 1:6

מעטש וועגען אַריינגעהן אין „א" קלאַס

הוראַגאַן — בוזשאַ 2:2

אינטערנאַציאָנאַלער פוסבאָל-מעטש

אויפּעסטער (אונגאַרן — קראַקאָוויאַ 1:2

לייכטאַטלעטישער מעטש

י. ק. פּ. — זגערזשער רעפּרעזענטאַנץ 56:91.

די באראכאוו-ביבליאטעק אר-דנט איין היינט מאנטאג

א הנחה-פארשטעלונג „טרופע טאנענצאפ"

די פארשטעלונג „טרופע טאנענצאפ". ביים יונג-טעאטער גייט כסדר ביי איבערגעפולטע זאלען.

די פארשטעלונג איז אין ווארשא געשפילט געווארן ביי 150 מאל. כדי צו ערמעגליכען דעם ברייטען עולם צו בעזוכען די פארשטעלונג, אר-דענט איין די קולטור-קאמיסיע ביי דער באראכאוו-ביבליאטעק איין איינציגע הנחה-פארשטעלונג פון „טרופע טאנענצאפ".

בילעטען צו בעקומען אין דער באראכאוו-ביבליאטעק און ביי דער קאסע פון פילהארמאניע.

דערטרונקען געווארן בעת'ן באדען

(א) באדענדיג זיך אין סטאוו אין וואדזשעגאוו, היגטער לאדז, איז דערטרונקען געווארן דער 19-יעהריגער סטעפאן דראביק פון לאדז, פיאסקאווע 11.

נאך א לענגערען זוכען האט מען דעם קערפער שוין ארויסגענומען א טויטען.

2 שוועסטער און א ברודער

האבען 50 יאהר איינע פון די אנדערע נישט געוואוסט

און איצט זיך געטראפען אין ניו-יארק

ריהרענדע פייערונג פון דער „בעגעגעניש" פון א צוזייהטער און צושפרייטער יודישער פאמיליע

ניו-יארקער „פארווערטס" דערצעהלט פאלגענדע מערקווירדיגע געשיכטע:

צוויי מיטעל יעהריגע יודישע פרויען האבען זיך מיט 5 יאהר צוריק געזעגענט מיט זייער יונגען ברודער און זענען אוועקגעפאהרען קיין ענגלאנד.

געוועזן איז עס אין ליבוי, וואס האט דעמאלט געהערט צו רוסלאנד.

זיי האבען איהם דעמאלט צוגעזאגט איבערנעהמען צו זיך אזוי גיך ווי זיי וועלען נאר האבען די מעגליכקייט. פון דעמאלט אן האבען זיך די צוויי שוועסטער און דער ברודער מעהר נישט געזעהען. זיי האבען נישט געוואוסט וואו ער איז, וואס פון איהם איז געווארען און צי ער לעבט נאך — און ער האט נישט געוואוסט וואו זיי זענען.

איצט האבען זיך די צוויי שוועסטער און ברודער ווידער צונויפגעטראפען צום ערשטען מאל נאך 50 יאהר...

די העלדען פון דער געשיכטע זענען: פיליפ בריקמאן 70 יאהר אלט פון שיקאגא — דאס איז דער ברודער, און זיינע צוויי שוועסטער: דבורה לעווי, 90 יאהר אלט און טערעזא בלומענפעלד, 80 יאהר אלט פון ניו-יארק.

די בעגעגעניש איז פארגעקומען אין דער וואוינונג פון דער עלטערער שוועסטער דבורה לעווי, וואס וואוינט ביי איהרער אנ'אויסגעגעבענער טאכטער.

נאר ס'איז כדאי צו דערצעהלען כסדר:

מיט א קורצער צייט צוריק האט ער זיך צונויפגעטראפען מיט לאנדסלייט און ער האט זיך פון זיי צופעליג דערוואוסט דעם אדרעס פון זיין יונגערער שוועסטער. פרוי בלומענפעלד.

דער 70-יעהריגער „מוזיניק" איז געקומען קיין ניו-יארק און מיטגעברענגט מיט זיך זיין זוהן אברהם און זיין שנור. ער האט נישט צו-וויסען געגעבען דער שוועסטער, אז ער קומט זי זעהען; ער האט איהר געוואלט מאכען א סיורפריז. ער איז געקומען צו איהר אהיים, גענומען מיט איהר רעדען, אנגעבען זייך אלס לאנדסמאן. זיי האבען געשמועסט און געשמועסט, ביז פרוי בלומענפעלד האט גענומען אויספרעגען דעם „לאנדסמאן" איינצעלהייטען וועגען זיין פאמיליע, געפרעגט צי ער האט געקענט איהר ברודער פיליפ.

ריקמאן האט דאן אויסגעזאגט דער אלטיטשקער, אז ער איז איהר ברודער.

פרוי בלומענפעלד האט פון אנפאנג נישט געוואלט גלויבען, אבער ווען ער האט איהר אנגעגעבען איינצעלהייטען און סמנים, האט זי זיך איבערצייגט, אז דאס איז טאקע איהר ברודער פיליפ.

ביידע האבען געוויינט פון גרויס פרייד, זיך געקושט און געהאלזט. פרוי בלומענפעלד האט תיכף אנגעזאגט איהר עלטערער טאכטער, אז דער ברודער פיליפ לעבט און איז געקומען זיי זעהען.

צומארגענס האט מען געפייערט די „צונויפטרעפונג". די משפחות, פריינד און לאנדסלייט זענען זיך צוזאמענגעקומען צו דער עלטערער שוועסטער מען האט געפראוועט אנ'אמת'ען באנקעט. די צוויי שוועסטער און דער ברודער זענען געזעסען ארומגענומען און זיך געפרעהט.

דער אלטער בריקמאן האט 11 קינדער — 9 פון זיי פערהייראטע. פרוי לעווי האט 6 קינדער, 11 אייניקלעך און 5 אור אייניקלעך. פרוי בלומענפעלד האט 7 קינדער און 12 אייניקלעך. און אלע קינדער, אייניקלעך און אוראייניקלעך האבען געטאנצט און געהוליעט ביז שפעט אין דער נאכט אריין.

ראדיא - פראגראם

מאנטאג, 2-טען אויגוסט

6.30 — פריהמארגען-תפילה. 6.36 — גימנאסטיק. 6.50 — פליטען. 7.20 — פריהמארגען-צייטונג. 7.30 — פליטען. 8.25 — פראקטישע אנווייזונגען. 11.57 — צייט-סיגנאל. 12.03 — מעטעאראלאגישע ידיעות. 12.05 — מיטאג-צייטונג. 12.15 — פאר זומער-וואוינונגען און קורערטער. 1 — א מאמענט פאר פרויען. 1.05 — פאפולערע מוזיק. 1.30 — פליטען. 3.15 — בערזשע-איבערזיכט. 3.25 — עקספארט - ידיעות. 3.30 — קאנצערט פון מיליטער-ארקעסטער. 4 — קינדער-אוידיציע. 4.15 — סאליסטען - קאנצערט. 4.50 — ערצעהלונג. 5 — לייכטע מוזיק. 5.10 — אונגארישע לידער. 6 — שמועס פון ברונא ווענאווער. 6.15 — „גאנץ פויליען זינגט". 6.30 — ספארטיש - טוריסטישער ראט געבער. 6.40 — געזעלשאפטליכעס. 6.45 — פליטען. 7.15 — רעקלאמע - קאנצערט. 7.30 — מיליטער-אוידיציע. 7.50 — פרעזידענט מאשטשיצקי וועגען זיין צוזאמענארבייט מיט יוזעף פילסודסקי. 8 — בעריכט פון לעניאניסטען - צוזאמענפאהר אין קראקא. 9 — אווענד - צייטונג. 9.10 — פארלעזונג. 9.15 — לידער פון פוילישען ריטערטום. 9.50 — די נייעסטע פוילישע בעלעטריסטיק. 10 — אלגעמיינע ספארט - ידיעות. 10.06 — לאקאלע ספארט-ידיעות, 10.10 — קליין-ארקעסטער קאנצערט. 11 — מעטעאראלאגישע ידיעות פאר לופט-קאמוניקאציע. 11.05 — קליין-ארקעסטער קאנצערט.

Dr. med. L. Berman
צעגעלניאנא 15, טעל. 149-07
ספעציאל-ארצט פאר מענער-שוועכע-בעהאנדלונג און סעקסועלע בעראטונג.
נעמט אן פון 8—11 און פון 4—8 אווענר.
זונטאג פון 9—1 פארמיטאג.
פאר אונבעמיטעלטע—לעטשניצע-פרייזען

Dr. REICHER
פאלודניאווא 28, טעל. 101-93
ספעציאליסט
פאר מענער-שוועכע-בעהאנדלונג.
סעקסועלע בעראטונגען און פסיכא-אנאליזען
נעמט אן פון 8—11 און פון 5—8 אווענד

קלאנג-קינא
CAPITOL
זאוואדזקא 16

נאך א פרעכטיגען ראמאנט און גרינדליכען רעסטאורירען פון זאל איז פארגעקומען די ערעפנונג פון פרעכטיגען קינא „CAPITOL"

דער געפעהרליכער פלירט

לאדענט איין די סימפאטיקער און שטענדיגע בעזוכער

צו דער אינגעווייהונגס-פארשטעלונג פון דעם גלענצענדען פילם א. נ.

מיטן אנטייל פון MYRNA LOY i WILLIAM POWELL

די דירעקציע.

קליינע אנאנסען
1 זלאטי
אנאנס ביז 15 הערטער

ראקאלען
איבערצוגעבען 3 צימער און קוך נאוואמיעסקא 22, ערשטער שטאק. געאייגנעט אויך: געשעפט און וואוינונג צוזאמען. צו ערפאהרען אויפ'ן ארט ביי ראזענוואסער

צו פערמיטען א שטוב מיט צוויי פענסטער אויף פראנציסקאנער נאס. צו ערפאהרען אויף פאמארסקא 35, ביי א: צוקערמאן. 9803

פרייע פאסטענס
א טיכטיגער אינקאסענט און א געהילף-ביורא-לייטער (רין) מיט א קליינע קויציע ווערען געזוכט. צו מעלדען זיך אין יודישען לאקאטארען-פעראיין, פיעטריקאווער 31 פון 6—9 אווענד.

ס'ווערט געזוכט א מאשינערין צו סוויטערס. צו ערפאהרען בושמושינער 7, קווער אפיצינע, ביי נאוואטני.

ס'ווערט געזוכט א ריכטעווער ביי דעם קאמאשען-שטעפער זאוואדזקא 4.

ס'ווערט געזוכט שטריקער ארויסצונעהמען ארבייט אויף א 8-ער, 6-ער, 4-ער שטריק-מאשינען. זיך מעלדען פילסודסקיגא 59, הערצבערג. 9806

פערשידענעס
שליסלען זענען געפינען געווארען אויף אלעקסאנדער וועג צווישען זשאבעניעץ און לאדז. אפצונעהמען בעגען אנאנס-קאסטען אין אדמיני

ענטשולדיגונג.
איך בעט ענטשולדיגונג ביים פרעזעס פון באלוטער „נושאי המטה" ה' יחיאל יוסף ראזענוואלד פאר די בעליידיגענדע אויסדריקען און פערזיכער, אז עס וועט זיך מעהר נישט איבערחזר'ן. פערוואלטונגס-מיטגליד מאנעלע נאלדרשטיין

א פריילליין
מיט העכערע בילדונג, געאדבייט א לענגערע צייט אין א גרעסערע אונטערנעהמונג מיט די בעסטע רעפערענצען, זוכט בעשעפטיגונג פאר א קליינעם לוין ביי וואס עס זאל נישט זיין. צעפערטען אונטער „Siła 1" אין אדמיני.

Dr. med.
Z. DATYNER
אוראלאג
ספעצ. פאר נירען, בלאז און אורין-קראנק.
ZACHODNIA 59a, tel. 148-95
נעהמט אן פון 2—3 און פון 6—8 אוו.

Dr. med.
IGNACY GRYNBERG
אינערליכע קראנקהייטען
(ספעציאליסט פאר הארץ-קראנקהייטען)
17 CEGIELNIANA 17
telefon 174-15.
נעהמט אן פון 6 ביז 8 אווענר.

Dr. Med.
J. Schlosser
כירורג
צעגעלניאנא 30 טעל. 122-16
נעהמט אן טעגליך פון 4—7 אוו.

לעכער אויף דער מאשין
ווערען אנגענומען אויסצוגייען ביי ג. נארדמאן, שרודמיעסקא 8

לעטשניצע
פאר וועבעריש-קראנקע
מענער-שוועכע און הויט-קראנקהייטען.
פון דאקטוירים-ספעציאליסטען
פיעטריקאווער 45
טעטיג פון 9 פריה ביז 9 אווענד.
פרויען און קינדער נעמט אן א פרוי דאקטאר
א בעראטונג 3 זל.

לעטשניצע
פאר ווענעריש קראנקע
פון דאקטוירים ספעציאליסטען
לאדז, זאוואדזקא 1
טעל. 122-73
טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אווענד.
וועגעריש-קראנקע, מענערשוועכע און הויט-קראנקהייטען
אנאליזען פון בלוט און אורין
די פערהיטונגס-סטאציע
איז טעטיג א גאנצען מעת לעת
פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע-זאל
א בעראטונג 3 זל.

ד"ר העללער
ספעצ. פאר הויט און וועגערישע קראנקהייטען און מענער-שוועכע
8 טראוגוטא 8, טעל. 179-89
נעמט אן פון 8—11 און פון 4—8 אוונט
זונטאג פון 10—12 מיטאג.
פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע-זאל.
אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פרייז

אויטאגענישע שווייסונגען
מעטאל-בעארבייטען
שלאסעריי-ארבייטען
מאשינען-טיילען
און ווערקצייג
פירט אויס ביליג
J. REDER, Łódź
11-טער ליסטאפאד 11-13

ד"ר
ס. קאנטאר
ספעצ. פאר הויט און וועגערישע קראנקהייטען (מענער-שוועכע)
פיעטריקאווער 90
טעל. 129-45.
נעמט אן פון 8—2 נ"מ און פון 6—9 אוו.

Dr. med. Niewiażski
ספעציאליסט פאר טריפער, סיפיליס און הויט-קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע
אבדזשעיא 5, טעל. 159-40
פראנט, 1-טער שטאק.
נעהמט אן פון 8—11 און פון 5—9 אוו.
זונטאג און יום-טוב פון 9—1 פארמיטאג.
בעזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען

שיימלען
מיט פאריזער שרינדן און פערטיגע שייטלן ביי קערש.
סקווערא 15

וויכטיג פאר דאמען
נאר 2 זל. ווערען פאר איבערגע-מאכט די אלטעסטע
היטען
אויף גאנץ ניי און אויף נייע היטען צו-גערענקט די אדרעס
3.50
Modystka
„TOLA"
23 Zawadzka 23

רעטשניצע
פון דאקטוירים - ספעציאליסטען
זגערזשער 17
טעל. 116-33
רענטגען-קאבינעט
וועגעראלאגישעס אמבולאטאריום
פון 9 פריה ביז 8 א זייגער אוונט.
וויזיט 3 זל.

Doktór
F. KLOZENBERG
נערוועז-קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
Narutowicza 37, tel. 105-53

שנעל-דרוקעריי
בראמבערג
צעגעלניאנא 8. טעל. 255-09
פירט אויס:
בריף-בויגען, קאנווערטען, רעכנונגען, קוויטאנציעס, פערלאבונגס- און חתונה-קארטען, וויזיט-קארטען, פריקא- און קאנטאקטער-פעפ-קעטען, שטרימל-בענדלעך
רעעלע מאדערנע און שעהנע און ביליג

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i P. Wajntraub
Czcionkami i druk rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 24.
Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman

קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל

די רעדעס, וואָס מען הערט איצט, און די רעדעס פון פריהערדיגן קאָנגרעס

דעם 25. יולי האָט זיך אין מאָסקווע געעפענט דער 7־טער קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל — נאָך א לאַנגער הפסקה זייט דעם זעקסטען קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין 1928, א הפסקה פון גאַנצע זיבען יאָהר!

דאָס איז אַביסעל צו לאַנג פאַר א פּאָליטישער מאַסען־בעוועגונג, און בעזונדערס אין אַזעלכע היסטאָרישע מאָמענטען,, וועלכע מיר לעבען די לעצטע יאָהרען. עס וואָלט געווען אונגעהויער אינטערעסאַנט צו ברענגען אויספיהרליך די רעדעס, וואָס זענען געהאַלטען געוואָרען אויף דעם זעקסטען קאָנגרעס און פערגלייכען זיי מיט די רעדעס, וועלכע מיר הערען איצט; דאָס וואָלט געווען אויסערגעוועהנליך בעלעהרענד; נאָר דאָס וואָלט צופיל פּלאַץ פערלאַנגט.

דער לייט־מאָטיוו פון זעקסטען קאָנגרעס איז געווען: אַנ'אונ'בּרחמנות'דיגער, פער'עקשנ'טער קאַמף געגען דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, געגען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אַלע לענדער, געגען דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל און זיינע פיהרער, א קאַמף געגען די געווערקשאַפטען, וואָס האָבען זיך געפונען אונטער דער השפעה פון די סאָציאַליסטען. די אַלע אָנגעוויזענע בעוועגונגען און אָרגאַניזאַציעס זענען דורך אַלע אָהן אויסנאַהם רעדנערס בעטראַכט געוואָרען פאַר די שעדליכסטע פאַר דעם אַרבייטער־קלאַס, פאַר די הויפּט־שטיצערס פון קאַפּיטאַליסטישען רעזשים, פאַר די לעצטע פעסטונגען פון קאַפּיטאַליזם, פאַר די, וואָס האָבען זיך פערקויפט דער בורזשואַזיע א. אז. וו. אַלע פיהרער פון דער סאָציאַליסטישער און סינדיקאַליסטישער בעוועגונג זענען בעצייכענט געוואָרען פאַר פעררעטער פון אַרבייטער־קלאַס און געגען זיי איז געפיהרט געוואָרען דער הויפּט־קאַמף מצד די קאָמוניסטישע פּאַרטייען.

אמת, שוין אויף דעם זעקסטען קאָנגרעס פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל האָט מען גערעדט וועגען איינהייטליכען פראָנט צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטישע אַרבייטער, נאָר דאָס האָט בעדאַרפט זיין פּאַקטיש אַנ'איינהייטליכער פראָנט איבער די קעפּ פון די פיהרער, איבער די אָרגאַניזאַציעס און פּאַקטיש געגען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און איהרע פיהרער.

און דערמיט האָט מען בלויז פערשטאַרקט די שפּאַלטונג און די צובּרעקלונג פון די אַרבייטער־כּוחות.

און וואָס נאָך האָט מען געהערט אויף דעם זעקסטען קאָנגרעס אין 1928?

אז אַלע בּירגערליכע פּאַרטייען זענען זיך ווערט, אַלע פּאָליטישע פאָרמען פון קאַפּיטאַליסטישען רעזשים זענען גלייך — זאָל דאָס זיין אָפענע רעאַקציע, פאַשיזם, פּאַרלאַמענטאַריזם, דעמאָקראַטיע. היטלער און בּריונינג, הינדענבורג און מאַרקס, פראַנצויזישע ראַדיקאַלען און פראַנצויזישע רעאַקציאָנערען — אַלע זענען זיי געשטעלט געוואָרען אויף דער זעלבער שטופע; פאַר דעם אַרבייטער־קלאַס איז קיין שום אונטערשיד נישט, ווער פון זיי עס שטעהט בּיי דער מאַכט!

דאָס זענען געווען די הויפּט־לאָזונגען, די טרייב־אידעען פון זעקסטען קאָנגרעס, פּונקט ווי פון די פריהערדיגע קאָנגרעסען פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל.

זיבען יאָהר זענען פערבּיי.

נייע לידער ווערען געזונגען נייע רעדעס לאָזען זיך הערען.

וואָס איז פאָרגעקומען אין משך פון די פערבּייגעלאָפענע אַזוי שנעל זיבען יאָהר פון דער הפסקה בּיז דעם היינטיגען קאָנגרעס?

א סך, זעהר א סך.

אין א גרויסער מאָס איז עס צו פערדאַנקען דער שפּאַלטונג פון דער אַרבייטערשאַפט, דעם אינערליכען קאַמף צווישען די אַרבייטער פּאַרטייען, וואָס עס איז געקומען צו דער מאַכט דער היטלעריזם, די בּאַרבּאַרישסטע פאָרם פון דער וועלט־רעאַקציע,— די מענשהייט האָט זיך אין אַזאַ ציוויליזירט לאַנד ווי דייטשלאַנד, צוריקגעקעהרט צו א מענטאַליטעט פון הונדערטער יאָהרען צוריק; און די דאָזיגע רעאַקציע האָט געזיגט נישט בּלויז אין דייטשלאַנד; אין פערשידענע פאָרמען הערשט זי אין א סך אַנדערע לענדער — גרעסערע און קלענערע; די פאַשיסטיש־היטלערישע באַציל דראָהט דער גאַנצער וועלט, דער גאַנצער מענשהייט.

און מענשען האָבען בּעקומען די טרויעריגע מעגליכקייט זיך איבּערצייגען, אז נישט אַלע פּאָליטישע פאָרמען פון קאַפּיטאַליסטישען רעזשים זענען גלייך; אז עס איז פערהאַן אַנ'אונטערשיד צווישען קאָנסערוואַטיזם, רעאַקציע, פאַשיזם און פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע — א צו־טרויעריגען עקספּערימענט האָט מען דורכגעמאַכט, מיט א צו גרויסען פּרייז איז די דאָזיגע ערקענטניש בּעצאָהלט געוואָרען.

און די פיהרער פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל האָבען געהאַט א סך מוט דאָס קלאָר צו זאָגען. אמת, אויך איצט וואַרפען זיי אַרויף די גאַנצע אחריות פאַר דער שפּאַלטונג פון דער אַרבּייטערשאַפט אויף די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, און אויך פאַר דעם נצחון פון פאַשיזם טראָגט די שולד דער סאָציאַליזם און די פּאַרטייען פון סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל — און הגם מען בּענוצט זיך מיט זעלבּסט־קריטיק, מען רעדט וועגען די פעהלערען פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין דער פערגאַנגענהייט זאָגט מען אָבּער נישט דעם גאַנצען אמת. מען זאָגט גאָרנישט וועגען דער שעדליכקייט פון דער טאַקטיק פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, בּעזונדערס אין דייטשלאַנד, וועלכע זענען געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט פון די פריהערדיגע אידעען פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, אַז היטלער, בּריונינג און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז איינס און דאָס זעלבּע.

נאָר די, וואָס לעזען אויפמערקזאַם די רעדעס אויף דעם איצטיגען קאָנגרעס אין מאָסקווע, פיהלען דאָס תיכּף. קיינער וועט נישט בּעהויפּטען, אז דער זיבּעטער קאָנגרעס איז א המשך פון זעקסטען...

דער נצחון פון פאַשיזם און פון היטלעריזם האָט געשאַפען א גאָר נייע לאַגע. סאָוויעט־רוסלאַנד האָט זיך אין משך פון דער צייט פערפעסטיגט פּאָליטיש און ווירטשאַפטליך, נאָר דער היטלעריזם דראָהט א סך לענדער און קודם כּל סאָוויעט־רוסלאַנד; מאָסקווע זעהט די גרויסע סכנה, וואָס קומט פון היטלערס בּערלין, און דעריבּער האָט סאָוויעט־רוסלאַנד געענדערט איהר טאַקטיק אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. היטלערס דייטשלאַנד האָט פערלאָזען דעם פעלקער־בּונד, סאָוויעט־רוסלאַנד איז אַריין אין דער דאָזיגער אינסטיטוציע, געגען וועלכער מען האָט אַזעלכע שאַרפע רעדעס געהאַלטען אויפן זעקסטען קאָנגרעס אין מאָסקווע; סאָוויעט־רוסלאַנד שליסט פּאַקטען מיט דעם צוועק צו פערזיכערען דעם שלום בּכלל און דערמיט דעם שלום פאַר זיך; די פּאָליטיק פון סטאַלין, געבּויט אויף דער רעאַלער ווירקליכקייט, האָט ראַדיקאַל געענדערט די גאַנצע סיטואַציע, און אויך אַלע פריהערדיגע אָפּשאַצונגען און אויפפאַסונגען.

און פון דאַנען קומען די נייע רעדעס אויף דעם 7־טען קאָנגרעס פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, רעדעס וועלכע מען קען זיך נישט פאָרשטעלען אין דער אַטמאָספערע פון 6־טען קאָנגרעס.

איינינע כאַראַקטעריסטישע בּײשפּילען:

פּיק, דער פיהרער פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ערקלערט אין זיין ערעפענונגס־רעדע: „פאַר אונז, קאָמוניסטען, איז נישט גלייך, וועלכע פּאָליטישע פאָרם עס ווערט איינגעפיהרט אין דעם אָדער אַנדער לאַנד — פאַר אונז זענען וויכטיג קודם כּל די אינטערעסען פון די אַרבּייטענדע. דאָרט וואו עס זענען נאָך אויפגעהאַלטען געוואָרען דאָס לעצטע פון פּאַרלאַמענטאַריזם און דעמאָקראַטישע פרייהייטען, האָט דער פּראָלעטאַריאַט, נישט קוקענדיג אויף דעם שלעכטען יאָך פון קאַפּיטאַליסטישען רעזשים, דאָך אייניגע, הגם אָרעמע מעגליכקייטען זיך צו אָרגאַניזירען. און אָפען פערטיידיגען זיינע קלאַסען־אינטערעסען.... מיר, קאָמוניסטען, קעמפען, פאַר יעדען פּונקט פון דעמאָקראַטישע פרייהייטען צוזאַמען מיט די אַלע, וואָס זענען אין וועלכער עס איז מאָס געבּליבּען טריי די פּרינציפּען פון דער בּירגערליכער דעמאָקראַטיע, כּדי אויסצובּרייטערען די דאָזיגע פרייהייטען און אויף זייער יסוד פיהרען א קאַמף פאַר דער אמת'ער פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע פאַר דער פּעהניכטונג פון דער עקספּלואַציע פון מענש דורך מענש”.

אין זעלבּען גייסט האָט גערעדט דער פאָרשטעהער פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער פּאַרטיי: פאַר אונז איז נישט גלייך אויב אין אונזער לאַנד וועט הערשען פאַשיסטישע דיקטאַטור אָדער בּירגערליכע דעמאָקראַטיע... און צוזאַמען מיט אַלע ווילען מיר קעמפען פאַר דעמאָקראַטישע פרייהייטען. און אפילו די בּעטיילינונג פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין דער רעגירונג דאַרף נישט שטערען שאַפען דעם איינהייטס־פראָנט....

און א צווייטער פאָרשטעהער פון דייטשלאַנד רעדט וועגען איינינונג פון אַלע פּראָגרעסיווע, ליבּעראַלע כּוחות אין קאַמף געגען פאַשיזם, פאַר דעמאָקראַטיע.

אמת, דער דאָזיגער רעדנער געהט שוין גאָר ווייט: לויט זיין מיינונג, אַזוי ווי קיין שום פּאַרטייען קענען נישט אָפען אַרבּייטען, דאַרפען די קאָמוניסטען פערנעהמען פּאָזיציעס אפילו אין די היטלערישע, פאַשיסטישע אַרבּייטער־אָרגאַניזאַציעס, פערנעהמען פונקציעס אין „אַרבּייטס־פראָנט” א. א.

נאָר דאָס איז נישט וויכטיג.

וויכטיג איז אָבּער יאָ דער נייער טאָן, די נייע שטעלונג און אויפפאַסונג פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל, וואָס שטעלט זיך מיט בּיידע פיס אויף דעם פּראָגראַם פון ענערגישער פערטיידיגונג פון דעמאָקראַטיע אפילו אין היינטיגען רעזשים, פון די דעמאָקראַטישע פרייהייטען — און דאָס צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און אויך מיט די עלעמענטען פון דער בּירגערליכער דעמאָקראַטיע.

דער 7־טער קאָנגרעס פון קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאַל רייסט קאַטעגאָריש איבּער מיט דער טאַקטיק פון די פריהערדיגע זיינע קאָנגרעסען און שאַפט מעגליכקייטען פאַר א פאָלקס־פראָנט געגען רעאַקציע און פאַשיזם, פאַר קאַמף געגען מלחמה— פאַר דעמאָקראַטיע און שלום.

מיר האָבּען נאָך נישט די רעזאָלוציעס פון קאָנגרעס, נאָר די ערשטע רעדעס און דער טאָן בּעווייזען שוין, אז דער זיבּעטער קאָנגרעס וועט מיט זיך פאָרשטעלען א וויכטיגע געשעהעניש אין איצטיגען מאָמענט — גרויסע פעהלער פון דער פערגאַנגענהייט ווילען ענדליך בּעזייטיגט ווערען און די גאַנצע אַרבּייטערשאַפט און די גאַנצע דעמאָקראַטיע ווילען דערפון בּלויז געווינען.

מ. יאַהרבּלום

ענגלישער געזונדהייטס־מיניסטער
עפענט א נייע אָפּטיילונג פון יודישען שפּיטאַל אין לאָנדאָן
און ערקלערט זיך אַלס פריינד פון יודען

לאָנדאָן (יט"א) אין יודישען שפּיטאַל אין מאַנטשעסטער איז פאָרגעקומען די פייערליכע עפענונג פון א נייער אָפּטיילונג פאַר נאָז־ האַלז־ און אויער־קראַנקהייטען. די עפענונג האָט דורכגעפיהרט דער געזונדהייטס־מיניסטער סער קינגסלי וואוד, וועלכער האָט בּיי דער געלעגענהייט געהאַלטען א בּעגריסונגס־רעדע, אין וועלכער ער האָט זיך בּעצייכענט אַלס פריינד פון יודען. איך האָב גרויס בּעוואונדערונג — האָט דער מיניסטער געזאָגט — פאַר דעם צושטייער, וואָס די יודישע קהלה האָט געגעבּען דעם נאַציאָנאַלען לעבּען פון אונזער לאַנד און עס איז א נחת רוח צו וויסען, אז אין גרויס בּריטאַניען קען מען נישט עפּעס אַזוינס ווי רעליגיעזע אָדער ראַסען־אונטערשיידען אָדער אַנדערע פון דעם מין.

ענטוזיאַסטישע שטימען פון דער גאַנצער ענגלישער פּרעסע
וועגען דער אויפפיהרונג פון „יאָשע קאַלב” אין לאָנדאָן

לאָנדאָן (יט"א) די גאַנצע לאָנדאָנער פּרעסע פּערעפענטליכט ענטוזיאַסטישע רעצענזיעס איבּער דער אויפפיהרונג פון י. י. זינגערס „יאָשע קאַלב”, אין מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער, וואָס טרעט איצט אויף אין לאָנדאָנער „היס מאַדזשעסטיס טעאַטער. די „טיימס” בּעצייכענט די אויפפיהרונג אַלס „גאַנץ אויסנעמליך געלונגענע”, און די „מאָרנינג פּאָסט” שרייבּט, אז „יאָשע קאַלב” אין שוואַרץ טעאַטער איז א „מייסטערשטיק, וואָס יעדער טעאַטער־ליבּהאָבּער וועט פון איהם האָבּען אמת'ן נחת רוח”.

ליבּע און שאַד
פון טשאַרלס יאַפע

— 3. —

אַ בּליאַסק אויף טאָג, איז גרינבּלאַט צומאָרגענס אויפגעשטאַנען. ער וואַרפט א בּליק צום צימער, וואו זיין לעבּען, זיין נשמה, זיין ראָיזעלע געפינט זיך. אַלעס איז שטיל, אלעס איז פערזונקען אין טיפען שלאָף.

ער געהט אַרויס אין וואַלד. דער טאָג איז פּראַכטפול. די זון האָט זיך ערשט בּעוויזען. אַלעס לעבּט און בּליהט. די פויגעלעך סוויטשערן, די בּינען זשומען, די נאַטור אַליין זינגט שירה.

בּיסלעכווייז פערשווינדט פון זיין געדאַנק ראָיזעלע, עס פערשווינדט די רייכע, שעהנע נאַטור. ער זעהט זיך פּנים אל פּנים מיט דער ווירקליכקייט, ווי טרויעריג, ווי שלעכט. אַ פּאָר געצעהלטע קראַבּען, קוים געגוג אַ טאָג איבּערצולעבּען, און דאָ קומט אַ נייע וואָך... דירה־געלד, 20 קראַנען... אַ שרעק... ער שטעלט זיך פאָר, ווי די „מכשפה”, וועט איהם בּעגעגענען מיט איהר מענה לשון... „אַזוי? איהר האָט נישט קיין געלט? שוין אַרויס! איך דאַרף נישט קיין שלעפּער!..” זי וואַרפט איהם דעם טשעמאָדאַן אין דרויסען — און דאָ קומט־אָן ראָיזעלע...

א סקרוך איז איהם אַריבּער איבּער'ן גאַנצען לייב נאָר פון דעם געדאַנק, אַז זיין ליבּע ראָיזעלע וועט איהם זעהען אין אַ לאַגע... ער האָט אָנגעהויבּען טראַכטען, זוכען עצות, תחבולות... פיליכט בּאַרגען דאָ, דאָרטען? פיליכט טעלעגראַפירען אין ניו יאָרק נאָך געלט?... קאַלטע רפואות... ער מוז געהן אין די רייכע קאַפעס, וואו מען שפּילט שאָך, פיליכט וועט ער קאָנען דאָרטען פערדינען אַ פּאָר קראַבּען.

ער שטעלט זיך אָפּ בּיים דעם איינציגען לאָגישען בּעשלוס — נאָך היינט וועט ער בּעזוכען די רייכע „קאַפע פּופ”. דאָרטען, האָט ער געהערט, שפּילט מען שאָך פאַר געלט. אַבּיסעל בּערוהיגט, איז ער אוועק צוריק אַהיים בּעגעגענען זיין געליבּטע, ראָיזעלע'ן.

לאַנג האָט ער נישט געוואַרט אויף דער וועראַנדע האָט ער בּעגעגענט דעם פּאַטער און ראָיזעלע'ן. ער אין א לאַנגער אַטלעסענער קאַפּאָטע און זי אין אַ קאָלירט סיטצען קליידעל, אַ ווייסטעל מיט קורצע אַרבּעל און שפּיצען מיט אויזערען, האַנט־געמאַכטע.

זיי גיבּען איהם בּיידע די הענט. ער דריקט דעם פּאַטערס האַנט פריינטליך און קושט ראָיזעלע'ס שעהנע, פּוכיגע הענטעל. קאַוואַליערמעסיג־ זי כאַפּט גלייך צו די האַנד, פּערויטעלט זיך און בּעמערקט: „ווי האָבּען זי געשלאָפען די נאַכט? דא איז שעהן און אָנגענעם, נעספּאַ?” — עס גלוסט זיך איהם זי אַרומכאַפּען, קושען, האַלזען, נאָר ער האַלט זיך צוריק. דער פּאַטער איז דא. ער ענטפערט מיט בּעגייסטערונג: „אויסגעצייכענט גוט! מען דאַרף נישט בּעסער! איך פיהל זיך דא ווי אין אַ גן עדן”. דער פּאַטער איז גאָר פריינטליך צו איהם. ער לאַדט איהם צו מיטאָג, וואָס זיי עסען אום צוויי אַ זייגער. „היינט קאָכט ראָיזעלע פאַר אונז א מיטאָג — בּעמערקט ער — כּיד המלך, זי קאָכט האָבּער־גריץ, מיין בּעסטען מאכל. איהר האָט דאָס אויך ליבּ האָבּער־גריץ, נישט אמת”.

„געוויס. געוויס — ענטפערט ער איהם מיט אַ שמייכעל — האָבּער־גריץ איז בּיי מיר גאָר אַנ'אַנטיק. וואָס קאָן זיין בּעסער פון האָבּער־גריץ? איך נעהם אָן מיט דאַנק אייער איינלאַדונג, איך וועל זיכער קומען צו מיטאָג”.

דער פּאַטער געזעגענט זיך פריינטליך מיט איהם, קושט די טאָכטער, נעמט־מיט אַ קריגעל און געהט צום קוואַל טרינקען וואַסער.

גרינבּלאַט איז איצט צום ערשטען מאָל געבּליבּען אויג אויף אויג מיט ראָיזעלע'ן. ער האָט זיך אינגאַנצען פערלוירען. וואו איז אַהינגעקומען זיין דרייסט, זיין ערפאַהרונג מיט פרויען? ער פיהלט, אַז דאָס בּלוט שפּאַרט איהם איך געזיכט אַריין. ער האָט עפּעס געבּעבּעט וועגען ניו יאָרק, וועגען וואַרשע, וועגען שאָך... פערליבּטער נאַר — האָט ער זיך אַליין געזידעלט — דא איז דיין געלעגענהייט, אַרויס מיט לשון”... ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט: „דו בּיזט שעהן ווי א בּלום, ראָיזעלע, ווי אַ בּלום, וואָס עפענט נאָר איהרע קנאָספּען”... עס איז טאַקע אַנ'אַלטער פּזמון, אָבּער בּיי פרויען איז דאָס אייבּיג ניי.

ראָיזעלע שווייגט און שמייכעלט. זי לאַדט איהם איין אין צימער, בּעט איהם זיצען. און אַליין הויבּט זי אָן צוצוגרייטען דעם מיטאָג.

ער ווערט אַלץ מוטיגער, דרייסטער. ראָיזעלע'ס נאָהענטקייט מונטערט איהם אויף, ער רעדט מיט היץ, מיט פייער, ער ציטירט גאַנצע פסוקים פון שיר־השירים. „איך האָב דיך ליבּ, ליבּ פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָבּ דיך דערזעהן, ראָיזעלע”. ער געהט מיט איהר אַריבּער פער־דו, ער לאַדט איהר איין צו פערבּרענגען מיט איהם אַנ'אָוונט.

ראָיזעלע רויטעלט זיך, קערט־אָפּ דאָס געזיכט צום טאָפּ, מישט דאָרטען מיט א גרויסען לעפעל און רעדט שטיל, מיט פערבּאָרגענער ליידענשאַפט אין טאָן: „אָבּער, מיין ליבּער פריינט, איהר קענט דאָך מיך נאָך גאָר נישט, און דעם אמת זאָגענדיג — גיט זי זיך אַ קעהר צו איהם, קוקט איהם אָן מיט איהרע מילדע, בּלויע אויגען — האָבּ איך נישט קיין צוטרוי צו שוואַרצע יונגעלייט. איך האָבּ נישט לאַנג צוריק געענדיגט לייענען אַ ראָמאַן „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק”. דאָרטען שטעלט ער די „שוואַרצע„ פאָר אַזוי געמיין, אַזוי פערדאָרבּען, אַז עס געהט אַריבּער אַ שוידער, ווען איך זעה אַ שוואַרצען יונגנמאַן”...

גרינבּלאַט בּלייבּט א ווייל ווי געפּלעפּט, דאַן בּייטעלט ער אויס אַלע בּייזע חלומות צו דינעזאַנ'ען און צו זיין „שוואַרצען יונגנמאַנטשיק”. ער זאָגט, אַז דער שרייבּער איז קיין שרייבּער נישט, דער ראָמאַן קיין ראָמאַן נישט, „זעהט איהר, די שוואַרץ חנ'עוודיגע זענען די בּעסטע מענשען אויף דער וועלט — רעדט ער מיט פייער — נו, זאָגט אַליין, אַלע נביאים זענען געווען טונקעלע, שוואַרצע און משה רבּינו האָט גענומען פאַר אַ פרוי אַ ניעכט שוואַרצע (אַ כּושית). נו, זעהט איהר שוין, אַז שוואַרץ איז די גרעסטע מעלה!”

— נו, זאָל זיין ווי איהר זאָגט — ענטפערט ראָיזעלע, און לאַכט זיך פונאַנדער, און צייגט איהרע שעהנע, ווייסע ציינדעלעך — אין דער אמת'ן האָבּ איך אייך אויך זעהר שטאַרק גערן, נאָר איך האָבּ זיך געוואָלט מיט אייך אַבּיסעל רייצען, האָבּ איך דערציילט די מעשה מיט דעם שוואַרצען יונגמאַנטשיק. נישט געזאָרגט, מיר וועלען נאָך פערבּרענגען צוזאַמען. איהר ווייסט גאָר וואָס? — רופט זי זיך פלוצלינג אָפּ, ווי דערמאָנענדיג זיך אָן עפּעס —, מיר וועלען נאָך געהען דעם שבּת־צו־נאַכט זעהען אַ „דזשאַנגל” בּילד אין קינאָ. איך וויל זעהר זעהען דאָס בּילד. שבּת איז דער איינציגער אָוונט, וואָס איך בּין פריי; מיין פּאַטער געהט אַלע שבּת צו־נאַכט צו „מליה מלכּה”. — ראָיזעלע מישט ווייטער דעם טאָפּ.

— פיין, אויסגעצייכענט — רופט ער זיך אָפּ מיט בּעגייסטערונג — מיר געהען זעהען שבּת דאָס בּילד — און פער'גנבי'עטערהייט רוקט ער זיך צו און דערלאַנגט איהר א קוש אין הוילען אָרעם.

ראָיזעלע גיט זיך אַ וואַרף, ווי אַ שלאַנג וואָלט איהר א בּיס געטון: „אַך דו שלעכטער!... איך געה שוין מיט אייך נישט מעהר אין קינאָ... איך וועל מיט אייך אין ערגעץ נישט געהן... איהר ווייסט נישט, אַז מען טאָר זיך נישט קושען!... די מאַמע האָט מיר אַזוי געזאָגט”...

קאָקעטיש האָט זי זיך פון איהם אָפּגעקעהרט. אַ פּאָר מינוטען האָט זי צו איהם נישט גערעדט; נאָר בּאַלד האָט זי זיך איבּערגעבּעטען. זי איז געוואָרען מיט איהם נאָך פריינטליכער, נאָך ליבּליכער.

יענער טאָג איז געווען דער גליקליכסטער אין גרינבּלאַט'ס לעבּען. ער האָט געוואונען זיין האַרץ געליבּטע ראָיזעלע; ער האָט אויך געוואונען 60 קראַנען, שפּילענדיג מיט אַנ'אַפּיצער אין „קאַפע פּופ”. דאָס האָט פערזיכערט זיין עקזיסטענץ, און גיט אַ קלאָרען קאָפּ וועט ער קאָנען אָנפאַנגען שפּילען אין קאַרלסבּאַדער שאָכמייסטער טורניר, וואָס וועט זיך אָנפאַנגען מאָנטאָג, בּעכסטע וואָך.

(ווייטער מאָרגען)

דאס לעבען אין ארץ-ישראל

ידיעות פון דער יודישער טעלעגראפען-אגענטור

סיריען און לבנון ווילן יוד. קאלאניזאציע
וואס שרייבט וועגען דעם אנ-אראבישע צייטונג אין ארץ-ישראל

ירושלים. אויף דער איינלאדונג פון דער לבנון־רעגירונג האט לעצטענס אין לבנון געווילט א זשורנאליסטען - עקסקורסיע פון א"י. דער רעדאקטאר פון „פעלעסטין", דאוד אל־אימא, וועלכער שרייבט אין צוזאמענהאנג מיטן בעזוך צוו. אנד. פאלגענדעס

מען דארף בעצייכענען א וויכטיגע זאך: די רעגירונג און בעפעלקערונג פון לבנון ווינשען צו דערנעהנטערען זיך צו די יודען און צוציהען זיי צו בעזוכען זומער דעם לבנון, כדי דאס לאנד זאל פון זיי האבען ווירטשאפטליכען נוצען, עגיפטער, איראקער און א"י־אראבער קומען יאהר־יעהרליך אויף זומער קיין לבנון. די לבנון־בעפעלקערונג האט איצט איינגעפונען, אז מען דארף דערצו צוציהען אויך די יודען: מען מאכט אין דער ריכטונג פערשידענע בעמיהונגען, און עס איז א פאקט, אז היינטיגען זומער פערברענגען אין לבנון פיל יודען.

עס טוט מיר זעהר לייד פעסטצושטעלען — שרייבט ווייטער דער רעדאקטאר פון „פעלעסטיין" — אז דאס פאלק, די פרעסע און הויכע רעגירונגס־בעאמטע אין לבנון און סיריען, דערונטער אויך סירישע מיניסטארען, וועלכע האבען זיך געטראפען מיט די יודישע פרעסע־לייט, האבען ארויסגעוויזען א גינסטיגע בעציהונג צו יודען און זיי איינגעלאדען צו בעזוכען לבנון און סיריען, נישט בלויז אלס קור־געסט, נאר אויך צו בעזעצען זיך דארט, ווי זיי האבען עס געטון אין א"י. דאס שטעהט אין סתירה מיטן נאציאנאליזם. איך האב זיי אויפגעקלערט די קאנסעקווענצען און זיי געזאגט, אז די א"י־בעפעלקערונג לײדט פון דער יודישער קאלאניזאציע און בלויז די אראבישע גרונט־בעזיצער האבען געהאט נוצען פון פערקויפען זייער באדען צו יודען.

טיפוס און מאלאריע אין א"י. א קאמוניקאט פון ועד הלאומי

ירושלים. דער געזונד־דעפארטאמענט פון ועד הלאומי האט פערעפענטליכט א קאמוניקאט, אין וועלכען עס ווערט געזאגט, אז די הויפט־סיבה פון די טיפוס־קראנקהייטען, וואס טרעטען אויף אין פער איינצעלטע פאלען, בעשטעהט אין די אונסאניטארע בעדינגונגען אין די בעטראפענע געגענדען. די אינפעצירטע געגענדען זענען חולדה, גבעת - חיים און דער קבוץ־ראדזשערס (נעבען פתח־תקוה).

דאס ערשטע ארט, אין וועלכען די קראנקהייט האט זיך בעוויזען, איז חולדה, און די אויספארשונג האט בעוויזען, אז דער טיפאאידאל־פיבער איז פערשפרייט געווארען דורך מענשען, וועלכע האבען בעזוכט חולדה איידער די אינפעקציע איז נאך פעסט געשטעלט געווארען.

דער ועד־הלאומי ווארענט פערזאנען, וואס פערלאזען זייערע וואוינערטער, אז זיי זאלען בעת'ן בעזוכען אנדערע מקומות, מיטנעהמען מיט זיך זייערע אייגענע שפייז און וואסער. געזעלשאפטען און אינסטיטוציעס ווערען געבעטען נישט איינצוארדענען קיין פערזאמלונגען אין אפרוה־ערטער, וואו עס זאמלען זיך מענשען פון פערשידענע טיילען פון לאנד.

די מאלאריע־פאלען, וואס זענען די לעצטע צייט נאטירט געווארען, שטייגען בדרך כלל נישט איבער די געוועהנליכע נארמען. עטוואס מעהר ווי געוועהנליך איז די מאלאריע פערשפרייט אין בני־ברק, הרצליה, תל־מאנד און עמק־חפר.

פערבאנד פון אראבישע קאמבאטאנטען אין א"י

ירושלים. „מאקאטאם" (קאירא) טיילט מיט, אז אין ירושלים וועט איינגיכען געשאפען ווערען א פערבאנד פון אראבישע קאמבאטאנטען אין א"י, וואס האבען זיך בעטייליגט אין דער וועלט־מלחמה.

וואסער - מאנגעל אין ירושלים

ירושלים. דער דיסטריקט - קאמיסאר פון ירושלים האט ארויסגעגעבען א מעלדונג צו דער בעפעלקערונג, אז צוליב דעם מאנגעל אין וואסער אין די זומער־חדשים זאל זי זיין שפארזאם אין וואסער־פערברויך. דער דיסטריקט - קאמיסאר האט אנגענומען מיטלען, אז די וואסער - צושטעלער זאל פיהרען א ראציאנעלע פערטיילונג פון וואסער.

פארבערייטונגען צום מזרח-יריד אין תל - אביב

תל־אביב. לויט ווי מען קען אורטיילען פון דעם בעדייטענדען אינטערעס אין פיל לענדער און די גרויסצוגיגע פארבערייטונגען וועט דער מזרח־יריד אין תל־אביב, וואס וועט זיך עפענען דעם 30. אפריל 1936, צוציהען נאך פיל מעהר אויסשטעלער און בעזוכער, ווי דער פריהערדיגער יריד.

די לייטער פון יריד די ה"ה ש. יפה און א. אידעלסאן האבען לעצטענס בעזוכט ענגלאנד, פראנקרייך, האלאנד, בעלגיען, דענעמארק, שוועדען, פינלאנד, פוילען, סאוויעט־רוסלאנד, עסטרייך, אונגארן, טשעכאסלאוואקיי, איטאליען, יוגא־סלאוויען, רומעניען, גריכענלאנד, בולגאריען און טערקיי. אומעטום האבען די ווירטשאפטליכע קרייזען ארויסגעוויזען א גרויסען אינטערעס פאר דעם ווייטען מזרח.

די טעג פאהרט אפ אין די ענינים פון מזרח - יריד ה' א. יעווזעראוו קיין איירָאפע, כדי זיך צו בעקענען מיט דער טעכניק פון די אויסשטעלונגען אין בריסעל, טריעסט א. אנד.

דער האנדעלס - אפמאך צווישען בולגאריען און א"י

ירושלים. אין די היגע ווירטשאפטליכע קרייזען ערווארט מען, דאס אין דער נאהענטסטער צייט וועט אונטערגעשריבען ווערען דער האנדעלס־אפמאך צווישען בולגאריען און א"י. דער בולגארישער קאנסול אין א"י מ. שלוש ווייזט איצט אין סאפיע.

וועגען פערגרעסערן תל-אביב דורך דער אויסטריקענונג פון א בארען-פאס אויפן תל-אביב'ער ים-ברעג

תל־אביב. דער קרייז־ראט פאר שטאט־בוי אין יפו האט אין פרינציפ בעשטעטיגט דעם אז. גער. גרינבלאט־פלאן, וואס זעהט פאר די אויסטריקענונג פון א בארען־פאס, לענג־אויס דעם תל־אביב'ער שטראנד. אנדערטהאלבען קילאמעטער די לענג און 120 מעטער די ברייט. די קאסטען זענען בערעכענט אויף א מיליאן פונט, און די גרינבלאט־גרופע איז גרייט צו אינוועסטירען די סומע פארן בעקומען דערפאר די קאנצעסיע אויף עקספלואטירען דעם אויסגעטריקענטען בארען־פאס. די פראגע איז שוין עטליכע מאל געהאט בעהאנדעלט געווארען דורך דער תל־אביב'ער עיריה. דער קרייז־ראט פאר שטאט־בוי האט זיך געווענדעט צו דער גרינבלאט־גרופע וועגען צושטעלען איינצעלהייטען פון דעם פלאן.

„רמת מאיר" — א נייער ישוב א. נ. פון ד"ר מאיר ראזאוו פון ניו-יארק

ירושלים. אין דער נאהענט פון רחובות וועט איינגיכען געשאפען ווערען א קאלאניע מיטן נאמען „רמת מאיר" צו פעראייביגען דעם נאמען פון ד"ר מאיר ראזאוו פון ניו־יארק אין אנערקענונג פון זיינע פערדינסטען אויפן געביט פון לאנדווירטשאפטליכער קאלאניזאציע פון אמעריקאנער יודען אין א"י. א דאנק דעם ד"ר ראזאוו זענען איינגעקויפט געווארען 4000 דונאם באדען, אויף וועלכען עס זענען קאלאניזירט געווארען אמעריקאנער יודען. חוץ לזה האט ד"ר ראזאוו מיטגעהאלפען דעם קרן־קימת איינצוקויפען באדען פאר לאנד־ארבייטער אין שכנות פון די אמעריקאנער באדען־ישובים.

פערשטארקטע פראפאגאנדע פון דער מופטי - פארטיי

חיפה. אין משך פון די לעצטע טעג האבען די אנהענגער פון דער מופטי־פארטיי בעדייטענד פערשטארקט זייער אגיטאציע אין דער געגענד פון חיפה. דער סעקרעטאר פון דער אראבישער עקזעקוטיווע דזשעמאל הוסייני האט בעזוכט א רייה דערפער אין חיפה'ער קרייז.

פון עבר-הירדן

ירושלים. פון אמאן ווערט מיטגעטיילט, אז די עבר־הירדן - רעגירונג האט בעשטימט 12 טויזענד פונט אויף איינקויפען לאנדווירטשאפטליכע מאשינען פאר דעם לאנד־ענטוויקלונג - דעפארטאמענט פון דער רעגירונג. די אינוועסטיציע איז בעשטעטיגט געווארען דורכן לעגיסלאטיוו־ראט.

חתונות און גט'ן צוליב רעקלאמע...

אין האליוואוד—דער שטאט פון זעלבסטמארדען

עס קומען פאר פערהעלטניסמעסיג מעהר זעלבסטמארדען אין האליוואוד, ווי אין וועלכער ס'איז אנדער שטאט אין אמעריקא.—זעלבסטמערדער זענען מעהרסטענס יונגע, שעהנע מיידלעך. וועלכע האבען נישט געמאכט קיין ערפאלג אין די פילמען — הינאס פערשפרייטען אויסגעלאסענהייט און דעגענעראציע

פון בערנארד בלומענטאל

האליוואוד נעמט זיך איבער מיט א סך זאכען: מיט איהרע שעהנע פרויען, מיט איהרע רייכע אטאמאבילס, מיט איהרע לוקסוסדיגע היימען, מיט איהרע ריזיגע פילים־סטודיאס, מיט איהר מחיה'דיגען קלימאט, מיט איהרע בעריהמטע שרייבער, אקטיארען און דירעקטארען.

האליוואוד קאן זיך אבער בעריהמען מיט נאך עפעס: מיט איהרע זעלבסטמארדען...

ווארים האליוואוד איז א שטאט פון זעלבסטמארדען.

ווען עס קומט צו מארד און זעלבסטמארד, שכרות און פראסטיטוציע, זינד און פערברעכען — איז האליוואוד די ערשטע אין גאנץ אמעריקע.

דאס האבען מיר אלץ צו פערדאנקען די פילם־אינדוסטריע; דאס איז דער פרייז וואס אמעריקע בעצאהלט פאר האבען א מאנאפאל אויף פילמען אין דער גאנצער וועלט.

שוין זייט טויזענטער יאהרען אז עס געהט אן א דעבאטע, צי א זעלבסטמערדער איז א העלד, אדער א פחדן; צי זעלבסטמארד איז א זינד, אדער א טוגענד; צי א זעלבסטמערדער פערדינט לויב, אדער פערדאמונג.

ביז היינטיגען טאג זענען פערהאן לענדער אויף דער וועלט, — יאפאן איז איינע פון די דאזיגע לענדער, — וואו זעלבסטמארד ווערט בעטראכט אלס א גרויסע טוגענד און זעלבסטמערדער ווערען פערערכענט אלס אמת'ע העלדען. אין פיל פאלען, ווען א יאפאנעזער גענעראל פערלירט א שלאכט, אדער ווען א געשעפטסמאן האלט ביים באנקראטירען, אדער ווען א געליבטער ווערט אפגענארט, אבער בכלל ווען א מענש ווערט פון אימיצען בעליידיגט אויף א שענדליכען און סקאנדאליעזען אופן, — ערווארטעט מען פון איהם, אז ער זאל בעגעהען זעלבסטמארד.

אין אמעריקע, ווי אויך אין דעם רוב איירא־פעאישע לענדער, ווערט זעלבסטמארד פערערכענט אלס אנ'אומגליק. א זעלבסטמערדער ווערט בעטראכט אלס איינער וואס האט זיך ארויסגעצייגט אלס צו־שוואך אין דעם קאמף פאר עקזיסטענץ.

ווי מען זאל נישט קוקען אויף זעלבסטמארד — איין זאך וועלען אלע צוגעבען, אז פון נחת נעמט זיך א מענש נישט דעם לעבען. דער יעניגער וואס בעגעהט זעלבסטמארד, בעטראכט זיך אליין אלס א האפנונגסלאזער מענש, אהן שום אויסזיכטען פאר דער צוקונפט. א דורכפאל אין לעבען.

א שטאט וואס האט די גרעסטע פראפארציע פון זעלבסטמערדער אין לאנד, איז א שטאט וואס פערמאגט די גרעסטע צאהל אומגליקליכע, רואינירטע און ענטוישטע מענשען.

די זאך ווערט נאך מעהר טראגיש, ווען מען נעמט אין אנבעטראכט, אז די גרעסטע צאהל זעלבסטמערדער אין האליוואוד זענען מיידלעך — יונגע, שעהנע און בליהענדע מיידלעך.

געוועהנליך האבען פרויען א סך א גרעסערען אנהאלט אן לעבען ווי מענער. פרויען זענען פון דער נאטור מעהר אפטימיסטיש ווי מענער; פרויען נעמען דעם לעבען נישט אזוי טראגיש ווי מענער; פרויען זענען נישט אזוי פערצווייפעלט און ענטוישט ווי מענער. ווען זעלבסטמארד פערשפרייט זיך צווישען פרויען, איז דאס זעהר א טראגישער סימן. עס איז א סימן, אז זיי האבען אנגעוואוירען יעדע מינדסטע האפנונג ווען עס איז אויפגעריכט צו ווערען.

מענשען ווערען געטריבען צו זעלבסטמארד נישט דורך ארימקייט, נאר הויפטזעכליך דורך פערצווייפלונג, דורך ענטוישונג.

האליוואוד — די שטאט פון פערצווייפלונג, די שטאט פון ענטוישונג; האליוואוד — די שטאט פון אויסגעלאשענע האפנונגען, די שטאט פון נישט־פערווירקליכטע אמביציעס.

אין האליוואוד קומען אויך פאר א גרויסע צאהל „לייכטע" זעלבסטמארדען. מאנכעס מאל פאסירט אבער אז פון דעם געפלאנטען „שפיל", קומט גאר ארויס א טראגעדיע... נישט אלע מאל געלינגט עס „אפצונארען" דעם מלאך המות...

א געוויסע צאהל מיידלעך, וואס האבען נישט פערווירקליכט זייער אמביציע צו ווערען פילם־אקטריסעס, בעשליסען צו „פרובירען" זעלבסטמארד. זיי ווילען זיך נעמען א „קאפיטשקע" דעם לעבען... זיי טרינקען אויס בלויז א האלבע פלעשעל גיפט...

זיי ווילען דערמיט ערוועקען סימפאטיע ביים עולם. זיי זוכען א ביסעל פרייע רעקלאמע.

מיט עטליכע וואכען צוריק האבען די צייטונגען פון האליוואוד געמעלדעט וועגען אזא מין פאל: א יונגע מיידעל, וואס האט געשטאמט פון א שטעטעל אין אהייא־שטאט, האט אויסגעטרינקען א קליין ביסעל יאדינע אין מיטען גאס. מען האט איהר צוגענומען אין שפיטאל, וואו זי האט זיך גאנץ שנעל ערהאלט. אט וואס זי האט דערצעהלט די דאקטוירים:

— ווען כ'וואלט פערבליבען אין מיין שטעטעל אין אהייא, וואלט מיר קיינמאל נישט איינגעפאלען זיך צו פרובען נעמען דעם לעבען. אין מיין געבורטס־שטעטעל האב איך זיך נישט גענויטיגט אין קיין סך געלד. דא אין האליוואוד האב איך געדארפט (ב'דארף) האבען שעהנע קליידער, וואוינען אין א פיינער דירה. כ'האב אלץ געהאפט, אז פריהער אדער שפעטער וועל איך קריגען א שטעלע אין די פילמען, מענער האבען מיר אנגעבאטען געלד, אבער זיי האבען געהאט דערביי א געוויסען אבזיכט. אזוי נידעריג האב איך נישט געוואלט זינקען. האב איך בעשלאסען צו קריגען רעקלאמע אין די צייטונגען דורך אויסטרינקען אביסעל יאדינע אין מיטען גאס. פיליכט וועל איך אזוי ארום זיך דערשלאגען צו א פילם קאריערע.

אמאליגע צייטען פלעגט א מעדעל בעגעהען זעלבסטמארד ווען א שארלאטאן האט איהר פערפיהרט.

היינטיגע צייטען בעגעהט א מיידעל זעלבסטמארד דערפאר וואס ס'איז איהר נישט געלונגען צו ווערען א פילם־אקטריסע.

אבי מיר זאגען, אז די וועלט מאכט פראגרעס...

ס'איז א זעלטענהייט היינט־צו־טאג אז א מיידעל זאל זיך נעמען דעם לעבען ווייל אימיצער האט איהר רואינירט.

ווי ס'ווייזט אויס זענען דא טויזענטער שעהנע, יונגע מיידלעך אין אמעריקע וואס זענען בערייט צו ווערען מעטרעסעס, אויב דאס וועט זיי העלפען צו מאכען א קאריערע אין פילם.

וועגען די מייסטע האליוואודער זעלבסטמארדען ווייס די וועלט גארנישט. ווייל די זעלבסטמערדער זענען דאך אומבעקאנטע מענשען, און ווער אינטערעסירט זיך מיטן גורל פון אנ'אומבעקאנטען מענשען?..

דער סענסאציאנעלסטער זעלבסטמארד אין האליוואוד אין די לעצטע יאהרען איז געווען דער זעלבסטמארד פון פאול בוירן, דער פילם־דירעקטאר. די צייטונגען וואלטען וועגען דעם וועניג געשריבען, ווען דער זעלבסטמערדער וואלט גראד נישט געווען דער מאן פון דער אקטריסע דזשין הארלאו. ביז היינטיגען טאג ווייסט מען נישט אויף זיכער צי דאס איז ווירקליך געווען א פאל פון זעלבסטמארד אדער — מארד! אויב זעלבסטמארד — וואס האט געטריבען דעם ערפאלגרייכען פילם־דירעקטאר צו זיין פערצווייפעלטער טאט? אויב מארד — ווער איז אין דעם געווען פערמישט? וואס האט געקענט זיין דער מאטיוו?

די געהיימניש בלייבט נישט געלעזט.

לעצטען נאוועמבער איז דער אקטיאר לו טעלעגען בעגאנגען זעלבסטמארד אין האליוואוד. א־מאל, מיט יאהרען פריהער, איז לו טעלעגען געווען בעריהמט אלס דער „גרויסער ליבהאבער". ער האט געשם'ט פאר זיין מעגליכער שעהנקייט. אין דער יוגענט איז ער געווען סארא בערנהארדט'ס אמאנט דערנאך האט ער געהייראט מיט דער אפערא־זינגערין דזשעראלדין פאראר. יאהרען־לאנג האט ער געשפילט ליבהאבער ראלען אין די פילמען. ווען ער איז פערעלטערט געווארען, ווען ער האט פערלארען זיין יוגענטליכע פיגור, ווען פרויען און מיידלעך האבען אויפגעהערט זיך באכצוי'אגען נאך איהם, האט זיך האליוואוד נישט געוואלט אומקוקען אויף איהם, לו טעלעגען האט פאר זיך קיין אנדער אויסוועג נישט געזעהען ווי דער טויט.

האליוואוד איבט אויס א שעדליכען איינפלוס אויף דער מאראל פון די ברייטע מאסען.

ווער ווייס דען אפליקענען, אז מאסען יונגע קינדער לערנען זיך אפ שענדליכע מידות פון די פילמעס?

דזשאהן דרינקוואטער, איינער פון די גרעסטע ענגלישע שריפטשטעלער פון דער היינטיגער צייט, האט געזאגט אין א רעדע מיט א קורצע צייט צוריק: „לויט מיין מיינונג איז די ערפינדונג פון קינא געווען א גרויסער אומגליק פאר דער מענשהייט. די קינאס האבען פערוואולגאריזירט דעם געשמאק פון דער גאנצער וועלט".

לארד דזשאסטיס ענדרוס, איינער פון די בעריהמטעסטע ריכטער אין ענגלאנד, האט ערקלערט אויף א פערזאמלונג: „אין די לעצטע יאהרען האט זיך די צאהל פערברעכער צווישען דער יוגענט פערצעהנפאכט. דאס נעמט זיך אלץ פון דעם וואס די יוגענד שעפט איהרע געדאנקען און אידעאלען פון פילמען".

קליינע קינדער זענען דאך געגליכען צו מאל פעס: זיי זענען נאכאהמער. „קליינע שפייען וואס גרויסע קייען". די פילמען שטעלען פאר ווי באנדיטען באדען זיך אין לוקסוס. די אונטערוועלט־מענשען טראגען די רייכסטע קליידער. די אונטער וועלט - מענשען וואוינען די שעהנסטע אפארטאמענטען. זיי הוליען גאנצע נעכט אין קאבארעטען. די פראכטיגסטע קאריסטקעס זענען זייערע געליבטע. זיי ווארפען זיך ארום מיט הונדערטער. אנ'אונטערוועלט־מענש פערלירט מעהר אין איין שעה ביים קארטען־שפיל, ווי דער געוועהנליכער מענש פערדינט אין א מאנאט. איז עס דען א וואונדער, וואס יונגע יונגלעך ווערען כוליגאנעס? איז עס דען א וואונדער, וואס יונגע מיידלעך זענען גרייט צו פערקויפען זייערע עהרע פאר א לעב טון"?...

אין האליוואוד קומען פאר כמעט אזויפיל גט'ען ווי חתונות.

אין די פערגאנגענע צוועלף חדשים זענען פאר געקומען 65 חתונות אין דער פילם־קאלאניע, און 54 גט'ען.

פאלין פרעדעריק, צום ביישפיל, האט חתונה געהאט צום פינפטען מאל. גלאריא סוואנסאן האט זיך געג'גט צום פערטען מאל. דזשין הארלאו האט אפגעג'גט איהר דריטען מאן. דזשאהן בארימאר וועט אין גיכען אפגט'ען זיין דריטע ווייב — בעסער געזאגט, די דריטע ווייב וועט איהם אפג'גט'ען. אדאלף מאנזשו האט חתונה געהאט „בלויז" צום דריטען מאל. מילפרעד העריס האט אויך געהייראט צום דריטען מאל. מערילין מילער וואוינט איצטער מיט איהר דריטען מאן, ווילי'אם וועלמאן האט לעצטענס געהייראט צום פינפטען מאל. מ'ריכט זיך, אז ווילי'אם פאוועל וועט אין גיכען חתונה האבען צום דריטען — אדער צום פערטען — מאל. מעהר ווי א העלפט פון אלע בעוואוסטע קינא סטארס זענען פערהייראט צום צווייטען מאל און א דריטעל פון זיי — צום דריטען מאל. נישט מ'נעמט א חתונה שטארק ערנסט אין האליוואוד, און נישט מ'נעמט דארט שטארק ערנסט א גט. אין האליוואוד קען פאסירען, אז א מאן בעקענט זיך מיט א מיידעל היינט ביינאכט, און אין א וואך ארום פראוועט מען שוין די חתונה, און אין א פאר מאנאטען ארום גט מען זיך... ווען אנ'אקטריסע נויטיגט זיך אין פרישע רעקלאמע — האט זי חתונה... און ווען זי וויל קריגען נייע רעקלאמע — גט זי זיך...

די רעקלאמע־אגענטען פון האליוואוד האבען פערשפרייט קלאנגען, אז די פילם־אקטיארען און אקטריסעס זענען געוואלטיגע ראמאנטיקער, און דער וויץ דערביי איז, וואס די אקטיארען און אקטריסעס גלויבען טאקע, וואס זייערע אייגענע רעקלאמע־אגענטען שרייבען וועגען זיי...

דער „ראמאנטיזם" פון די אקטיארען און אקטריסעס איז אבער א געבלאפטער. נישטא קיין עכטע ליבע אין דער פילם־קאלאניע.

אלעס איז דארט „אימיטאציע".

ס'איז אלעס א שפיל...

די פיינסטע מענשען ווערען קאליע, אויב זיי וואוינען א לאנגע צייט אין האליוואוד.

דער האליוואודער „קלימאט" איז מסתמא שולדיג אין דעם...